ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# רזין קדישין

אידיש

**636**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשנ"ט לפ"ק

## ספר

# רזין קדישין

אין דעם ספר ווערט גיברענגט זעהר שיינע אונד וואונדער־ליכע געשיכטעס פון זעהר גרויסע לייט צדיקים יסודי עולם זכותם יגן עלינו אמן סלה ·

דהיינו.

1) מהרב ר' שמעלקא ורבי פנחס מחברים ספר המקנה והפלאה ·
2) מהרב ר אהרן מקארלין ·
3) מהרב ר' ליב שרה'ס ,
4) ל"ו צדיקים ·
5) מהרב ר' נפתלי מפויזנא ·
6) מהרב ר' וועלוויל זאבורזער ·
7) אבעל תשובה ,
8) מה־ב ר' ברוך ממעזבוז ·
9) פטירת רבינו הגאון הקדוש הרמ"א וצלה"ה ·
10) מהרב ר' גרשון קיטבער

פון דיא מעשיות קען מען זיך ארויס נעמען אמוסר וויא אזוא כורא צוא האבען פאר השי"ת אונ צוא דינען עהם מיט ליבשאפט אונ מיט גאנץ הערץ . ובזכות זה וועלין מיר ניצל ווערן פון אלעם שלעכטין ויקוים בנו הפסוק ובא לציון גואל אמן ·

# הקדמה

דער בעל הגדה שרייבט כל המרבה לספר ביציאות מצרים הרי זה משובח. איז טייטש אלע וואס מעהרין צו פערציילען דיא נסים פון יציאות מצרים זענין גלויבט. איז קשה וויא געשיקט זיך צו זאגין מען זאל מעהרין, קען מען דען מעהר פערציילין וויא דיא מעשה איז גיוועזין. אזוא וויא עס שטייט געשריבן, נאר דער בעל הגדה זאגט אונז אז מיר זאלין ניט מיינען אז דער סיפור פון יציאות מצרים איז אזוי וויא אפראסטע שיינע מעשה, ניין, דאס איז ניט אזוי אז עס זאל דעם מענטשין דער פון נאר ניט ארויס קומען, יעדער יוד דארף זיך דער פון ארויס נעמען גדלות הבורא ב״ה. דאס הייסט צו וויסען וויא גרוס אונזער באשעפער איז אז ער קאן אזעלכעס בעווייזען, און דער פון צו וויסען אז מען זאל פאר אים מורא האבען, מען זאל עהם דינען מיט איין גאנץ הארץ, נוא, דאס פון דעם סיפור ארויס צוא נעמען זענען ניט אלע גלייך. נאר יעדערער איז משיג, ער פארשטייט דאס לויט זיין שכל וויא גרויס דער מענטש איז פארשטייט ער מער דער פון משיג צו זיין גדלות הבורא, און דינט עהם מעהר. דאס זאגט אונז דער בעל הגדה, כל המרבה אלע וואס מעהרין זיך אין דיא נסים פון יציאות מצרים צו פארשטיין דער פון גרעסער און העכער דאס גרויסקייט פון השי״ת זענען זייא מער גלויבט.

יעצט ליבע לעזער וועט איר געוויס פארשטיין אז דיא געשיכטען וואס איר לעזט דא איזט אויך ניט קיין פראסטע שיינע מעשיות, ווארום בעיקר זענען זייא אויפגישטעלט נאר בכדי דער פון זיך ארויס נעמין אמוסר וויא גרויס אונזער באשעפער איז. דרום האבין מיר דעם ספר גערופן מיט דעם נאמען רזין קדישין דאס איז טייטש בעהאלטעניש פון היילינע דיא היילינקייט איז בעהאלטען פארגישטעלט אין איין געשיכטע אבער מען מיינט ניט דיא געשיכטע וואס זיא איז נאר אמליצה נאר ארום צו נעמען זיך דער פון צו דינען הקב״ה אזוא וויא אונז גיבאטען האט ובזכות זה וועלין מיר גיהאלפען ווערין יעדערער וויא זיין הארץ באגערט אמן סלה:

המעתיק

## הרב רבי שמעלקי והרב רבי פנחס וועלכע האבין מחבר גיוועזין דעם ספר המקנה והפלאה.

הרב רבי זישע ז"ל איז גיוועזן איין תלמיד פון מעזריטשער מגיד ז"ל. זיין שם האט זיך געהערט אין מרחקים אונ אין דער מדינות קירה"ה האט ער זיך אויך זייער גיהערט פאר אגרויסין מאן, אונ וויא דיא אהים האבען דאס גיהערט. אזוי זאגט רבי שמעלקע צו זיין ברודער רבי פנחס, ברודער. אזוי וויא איך האב גיהערט אז עס איז פאר האנדין אין מעזריטש אגרויסער מאן אויך אגרויסער למדן מען קען זיך אפ לערנען פון איהם צוא גיין אין גאטס וועג. וועלין מיר פארען אהין פיליכט וועלין מיר פון איהם אפעולה האבען אין עבודת הבורא. ענטפערט איהם הרב רבי פנחס עס איז מיר אבער אשרין דיא צייט דען מיר וועלין דער ווייל מבטל זיין פון לערנען. אין ווער ווייכט פיליכט איז דער מגיד ניט קיין למדן וואס וועלין מיר מאכען בייא איהם. ענטפערט איהם רבי שמעלקי, איך האב אבער גיהערט אז ער איז אגרויסער גאון אין לערנען אויך. אזויא איז געבליבען בייא זייא אז זייא זאלען פארען צום מגיד. זענען זייא אוועק געפארין אין זענען געקומען ערב שבת קודש. באלד וויא זייא זענען געקומען זענען זייא גיגאנגען צום מגיד שלום נעמען. אין באלד וויא זייא זענען געקומען האט ער זייא שלום גיגעבען. אונ האט מיט זייא קיין שיחות גימאכט דען ער איז גיוועזין זייער פאר טראגין מקבל שבת צוא זיין. האט זייא פאר דראסען אביסיל זייא האבען גירעכינט ווען ער וואלט גיוועזן אגרויסער מאן אזויא וויא מען זאגט וואלט ער געברויכט צו וויסען אז מיר זענען גרויסע תלמידי חכמים וואס מען דארף אפ געבען כבוד אונ פאר ברענגען מיט אונז. גם דיא תורה וואס זייא האבען גיהערט שבת ביים טיש איז זייא עפעס ניט שטארק געפעלין ווארום זייא זענין נאך נישט גיוואוינט גיוועזן מיט אזעלכע תורה. זייא האבען גימיינט אז ער ווערט זאגין אגרויסען פילפול ניט אזעלכע קליינע קיט. איז פאר בליבען בייא זייא אז באלד נאך שבת זאלען זייא אוועק פארען צו ריק אהיים. נאר זיי האבען גיהאט פיל שמערצין אויף דער ביטול תורה וואס זייא האבען גיהאט אין וועג. מוצאי שבת זענען זייא גיגאנגען צום רב גיזעגענין זיך מיט איהם. זאגט ער צו זייא אז אין דער צייט וואס ער וועט זיך דארפין גיזעגענען וועט ער שיקען נאך זייא. אין דעם דריטען טאג זענען זייא געקומען נאך אמאל צום רב האט ער זיך מיט זייא זייער שיין גיזעגינט. אין האט זייא גיבעטין אז זייא זאלען זיך מיט רבי זישען אויך גיזעגענען אין רבי זישע איז דענסטמאלט אין בית המדרש גיוועזין. אזויא זענען זייא געקומען צוא איהם אונ האבען איהם דער צײלט אז דער רב המגיד האט זיך מיט זייא שוין גיזעגינט אין האט אונז גיבעטין אז מיר זאלען זיך מיט אייך אויך גיזעגענען. רופט זיך אן רבי זישע ז"ל דיא גמרא זאגט אויך אין פסוק שטייט והתורה יבקשו מפיו כי מלאך ה' צבאות הוא, אויב דער רבי איז גליך וויא אמלאך זאל מען לערנען בייא איהם תורה אין אויב ער איז נישט וויא איין מלאך זאל מען ניט לערנע׳ פון איהם. נוא קענט איהר אמלאך האט איהר שוין אמאל גיזעהן אמלאך וואס איהר זאלט קענען וויסען צוא דער רבי איז גליך צוא איין מלאך, נאר ברודער איהר זאלט וויסען אז דער פשט איז אזויא, אויב דער רב איז אפאר בארגונער מאן אזויא גליך וויא אמלאך איז פאר בארגין פון מענטשין זאל מען פון איהם לערנען תורה דאס איז זיין כוונה גיוועזן זייא צוא זאגען הגם זייא האבען נאר ניט גיזעהן פון רב נאר אזויא בעדארפט צוא זיין אז מען זאל זיין אנסתר. וויא דיא ברודער האבען דאס גיהערט זאגען זייא איינער צום אנדערין עס ווייכט אוים אז ער מוז זיין אגרויסער מאן צוא ליב דעם ווייסט ער אז עס איז אונז

עפעם

עפעס ניט געפעלין האט ער אונז דאס גיזאגט . אין ווען דעם מגיד'ס תלמיד איז אזויא
אגרויסער מאן קען מען שוין פאר שטיין וויא דער מגיד איז . איז געבליבען בייא זייא אז
זייא זאלען נאך פאר בלייבען אויף צווייא וואכען בייא דעם מגיד נאך דעם זענען זייא
זייא לענגער גיזעסען דארטין . אין האבען מקבל גיוועז דעם מגיד'ס רייד מיט אימה
ויראה אין אקורצע צייט האבען זייא אגרויסע פעולה גיהאט אונ זענען גיווארין זייער
גרוים אונ פרומקייט וואס עס איז נאר ניט זייער גלייכין גיוועזן אין דער וועלט . אין אויף
זייא האט דער מגיד גיזאגט . איך האב גיפונען אין שטוב פול מיט ליכט נאר מען האט
זייא ניט אן גיצונדען אונ אזויא וויא איך האב אפנק צו גיגעבען האבען זייא זיך גלייך
אן געצונדין , אונ עס איז געווארין איין גרויסער לעכטיקייט . דאס מיינט מען זייא זענען
פריער אויך גרויסע לייט גיוועזן נאר עס האט זייא נאך גיפעלט , אונ דער נאך אז ער
האט דאס פארעכט זענען זייא געווארין זייער פיין אונ גרויס , אונ זייער שם איז גיגאנגען
אין דער גאנצער וועלט . האט מען גענומען רבי שמעלקי פאר א רב אין ניקעלסבערג ,
אין דעם ברודער רבי פנחס ז"ל האט מען גענומען פאר איין רב אין פראנקפורט דמיין ,
אין וויא רבי שמעלקי איז געקומען קיין ניקעלסבערג , האט ער זייער גיבעטין פון זייא
אז זייא זאלען איהם לאזען רועה אויף צוויי שעה , אין דער נאך וועט ער דעם עולם
מקבל זיין אין רעדין מיט זייא וויא דער סדר איז אז אַרב קומט אין איין שטאדט אַרין ,
האבען זייא איהם צוא לוב גיטאן אין זענען אפ גיטרעטין פון איהם , נאר עטליכע
מענטשין האבען זיך בעהאלטין אין חדר וויא ער איז יחוען . זייא זאלען זעהן וואס ער
וועט דארטין טאהן דער וויל , אזויא האבען זייא גיהערט וויא ער רעדט צו זיך אליין
שלום לך אדונינו מורינו ורבינו שלום לך הרב דניקלשבערג , אזויא וויא דער שטייגער
איז אז מען זאגט אגרויסין רב אז מען גוט איהם שלום דאס ערשטע באהל גוט מען
איהם כבוד אפ , אין בשעת ער האט דאס גיזאגט האט ער זייער גיקרעכצט אין גיאכצט
אין אזוי האט ער גיטאן דיא גאנצע צייט וואס ער האט גיבעטין אז מען זאל איהם
לאזען אליין ביז דער עולם איז געקומען איהם מקבל פנים זיין אונ שלום געבין , אונ
דער עולם איז גיקומען צוא איהם האט ער זייא זייער פיין צוא גענומען אזוי וויא דער
מנהג איז . דיא מענטשען וואס האבען זיך באהאלטען אונ האבען גיהערט וואס דער
רב האט גירעט האבען דאס דער ציילט דיא גרויסע לייט אונ פרנסים אלעם וואס דער
רב האט גיטאן בשעת ער איז אליין גיוועזן אין שטוב האבען זייא גיוואלט וויסען וואס
דער רב האט גימיינט דער מיט . האבען זייא איהם גיפרעגט אין גובעטין איהם זייער
אז ער זאל זייא זאגין וואס ער האט גימיינט מיט דעם . האט ער זייא צו לוב געטוהן ,
אז ער רעכינט אז דאס מיינט דער הייליגער תנא וואס ער האט גיזאגט יהי כבוד
חבירך חביב עליך כשלך , אויסער דעם פשוטן פשט אז דער תנא זאגט אן אז מען
זאל זייער היטין זיין חבר'ס כבוד מיינט דער תנא נאך אכוונה . מיט דעם , אן צוא
זאגין דעם מענטשין אז מען וועט עם אן טוען כבוד זאל ער זיך ניט מתגאה זיין מיט
דעם חלילה . אדרבה ער זאל קרעכצין אין זיפצען אויף דעם . דאס מיינט דער תנא דען
עס פאר שטייען אלע אז ווען אמענטש וועט זיך אליין כבוד אפ געבין דהיינו ער וועט
זיך רופען מיט אלע שבחים אין טוטלען וואס עס איז נאר פאר האנדען אויף דער וועלט
אונ קיינער וועט ניט הערין איז דאס ניט בייא איהם קיין פארגניגען דען כבוד איז נאר
שיין צו ווישען מענטשין אונ פון מענטשין אבער ניכט פון זיך זעלבסט אז ער איז אליין
ניט צווישען מענטשין דאס מיינט דער תנא יהי כבוד חבירך . עס זאל זיין בייא דיר
אבאטרעף דעם כבוד וואס דיין חבר וועט דיר אפ געבין . אזויא גלייך וויא דיין כבוד
אליין . ווען דיא וואלסט זיך זעלבסט כבוד אפ געבין וואלט ער איהם געווים קיין

באטרעף

באטרעף האבין ביא דיר, אזו אנאנדערער וועט דיר כבוד אן טאהן זאל אויך ביא דיר קיין חשיבות האבין, דיא זאלסט חלילה קיין גאוה ניט האבין פון דעם. צו לוב דעם האב איך ניט גיוואלט אז איר זאלט מיר באלד וויא איך בין געקומען מקבל פנים זיין מאמער וועל איך חס ושלום נאוה באקומען פון אייער כבוד, האב איך מיך אפ געזינדערט אויף עטליכע שעה אונ האב מיר אליין געזוגט דיא אלע שבחים וואס איך האב געוויסט אז איר וועט מיר זאגין, דיא אייגענע רייד, איז מיר זייער מיאוס געווארין דיא ווערטער אין עס איז ביא מיר געווארין למשא ולחרפה אונ נאך דעם אז איך האב פון אייך גיהערט אויך דיא אייגענע ווערטער האט עס שוין גאר קיין באטרעף ניט געהאט ביא מיר אזויא גלייך וויא בשעת איך אליין האב מיר דיא שבחים גיזאגט.

דיא אחים רבי שמעלקי אין רבי פנחס האט מען זייא געוואלט נעמען פאר רבנים קיין ניקעלסבערג אין קיין פראנקפורט דמיין אין בוייל דם רבנות פון פ"פ ד' איז גיווען אגרעסערע רבנות פאר דיא רבנות פון ניקעלסבארג האבין דיא ביידע קהלות ניט גיקענט מכריע זיין ווער פון די ברודר זאל זיין אין פ"פ ד' אונ ווער זאל זיין אונ ניקעלסבערג. איז ביא זייא געבלובען אז דיא ברודער זאלען זיך אוים קלויבען אליין ווער עס זאל זיין אונ פ"פ אונ ווער עס זאל זיין אין נ"ש, הגם רבי שמעלקי איז גיווען עלטער פאר זיין ברודער רבי פנחס, נאך ער איז אבער גיוועז אגרויסער ענו האט ער גיזאגט אז זיין ברודער איז גיבער ראו צו זיין פ"פ רב פאר איהם אין דער ברודער האט געזאגט פאר קערט, איז געבליבען ביא זייא אז זייא וועלין זיין ביים מגיד זאלען זייא איהם פרעגין אין וויא ער וועט זאגין וועט אזויא זיין, אין ווידער וועלין זייא איהם פרעגין אשטיקל זהר וואס זייא האבען ניט געוויסט קיין פשט אין דעם וויא זייא זענען געקומען צום מגיד האבען זייא זיך אן געדויבען צו שפארין ווער עס זאל פריער אריין גיין. יעדערער האט גיזאגט אז דער אנדערער זאל אריין גיין פריער. וייל ער איז גרעסער פאר איהם. איך וויא זייא שפארין זיך אזויא ריפט זיך אן דער מגיד פון אונווייניג אין זאגט דער רב פון נ"ש זאל פריער אריין גיין דען ער איז דער עלטערער ברודער. דאס מיינט מען רבי שמעלקי זאל זיין אין נ"ש רב אין רבי פנחס זאל זיין אין פ"פ ד"מ רב אז זיי זענען אריין גענאנגען צום מגיד האט ער זייא דער ציילט אגעשיכטע פון א עשר וויא אזויא ער פלעגט זיך פיהרן מיט זיינע קנעכט אין מיט זיינע פאלאצין אין האט גיענדיגט דיא געשיכטע האט ער זייא באלד גיזעגינד אין האט זייא געבענטשט זייא זאלען פאהרין לשלום האבען זייא איהם שוין ניט גיקענט פרעגין דעם זהר וואס זייא האבען איהם גיוואלט פרעגין נאר אז זייא זענען געקומען אויף דער אכסניא האבען זייא זיך באראבינט אז עס קען גארניט זיין אז דער מגיד זאל ריידין דברים בטלים אין ער זאל דער ציילין בלויז אגעשיכטע געוויס האט ער זייא גיוואלט נאר אמשל זאגען בכדי זייא זאלען פאר שטיין דורך זיינע רייד וואס זייא ווייסען ניט עפעס אגרויסע זאך. אזויא האבען זייא גענומען קלערין אין דער געשיכטע האבען זייא דער קלערט האט ער האט געמיינט מיט דעם. אין מיט דעם איז זיי רעכט גיווארין דער זהר וואס זיי האבן איהם גיוואלט פרעגין.

## ר' אהרן מקארלין.

ער איז גיוועזין קודם פסח ביים מגיד פון מעזריטש דאט ער זיך גיזעגינט אהיים צוא פיהרין אויף פסח, האט איהם דער מגיד גיגעבין רשות, נאר היכף וויא רבי אהרן מקארלין איז פון מגיד ארויס גיגאנגען, האט דער מגיד גיזאגט צו זיינע תלמידים ווערט אין לאזט ניט איהם פארען אהיים האבען דיא תלמידים גירעט מיט איהם אז ער זאל בלייבען פסח האט ער אויף קיין אופן ניט גיוואלט. האבן די תלמידים איהם גיזאגט דיא זאלסט

זאלסט ווייסען אז רבינו האט געזאגט אז מען זאל ניט לאזען דיך פאהרין אהיים איז ר' אהרן געגאנגען צום מגיד און האט איהם דס געפרעגט אויב ער הייסט איהם ניט פאהרין אהיים אונ האט איהם געזאגט אז ער באדארף געוויס זיין אין דער היים פסח. האט איהם דער מגיד געענטפערט איך האלט דיך ניט אויף אויב די ווילסט פאהרין פאר לשלום און ווי ער איז ארויס געגאנגען. האט ער ווידער געזאגט די תלמידים אז מען זאל איהם ניט לאזען פאהרין אהיים זענען די תלמידים ווידער געלאפען צוא ר' אהרן און האבען איהם געזאגט דאס איז דאך נישט פשוט וואס רבינו האט אצינד ווידער געזאגט אז מען זאל דיך ניט לאזען פאהרין. האט ער זייא ניט געוואלט פאלגין און איז געפארין ווארום ער הט געזאגט פאר וואס האט מיר דער רבי ניט געזאגט און דאס איז געוועזין איין אומגליק ווארום ווי ער איז לביתו געקומען איז ער קראנק געווארין און געשטארבין האט דער מגיד געענטפערט. די תלמידים שטייט אין דער תורה (במדבר יב) אויף משה רבינו ע"ה בכל ביתי נאמן הוא איז דער פירוש השי"ת האט געזאגט אז משה רבינו איז אין מיין גאנץ הויז איין ערליכער מאן. איז קשה וואס איז דען דוא אין גאטס הויז צוא גאנווענען. נאר דער פשט איז וואס ער האט אויף דעם הימעל געזעהן האט ער ניט מגלה געוועזן צוא קיין מענטש. און דאס הייסט נאמנות. דער נאך האט דער מגיד ז"ל געטאן אשידוך עבור היתומה בת ר' אהרן מקארלין מיט ר' מנחם נחום מטשארנאבול ז"ל עבור בני רבי מרדכי מטשארנאבול זענען די תנאים געווען ביי המגיד און פיל גרויסע לייט זענען געזעסן ביי דעם טיש ווי מען האט געשריבען די תנאים. האט דער מגיד מכבד געוועזן רבי מנחם מענדיל ז"ל מוויטעפסק בעל מחבר ספר פרי הארץ אז ער זאל ליינען די תנאים אזוי ווי דער מנהג איז. און ווי ער האט די תנאים געליינט און האט געוואלט זאגין בת רבי אהרן איז ער חלשות געבליבין. אונ עס איז שווער געווען איהם צו דר וועקין ביז דר מגיד איז צו איהם אליין צוא געגאנגען און האט איהם געוועקט. און האט איהם געזאגט וואס האסטו די דיך אזוי דער שראקין האסטו די דען נאך דעם נאמען ר' אהרן ניט געהערט. ווייסט די דען פון איהם ניט וואס האסטו די דיך דער שראקין פאר איהם. האט ער זיך הערשט אויף געכאפט. און האט געזאגט צום מגיד דרום האב איך מיך דער שראקין פאר איהם ווייל איך האב מיר פארגעשטעלט אז ער איז דא פאראן בכבודו ובעצמו.

## ר' ליב בן שרה ונקרא בפי כל רבי ליב שרה'ס זצ"ל

היות אין אשטאדט איז געווען איין ווייבל זיא איז געווען איין גרויס עשירה זיא האט פארמאגט צוויי מאהל הונדערט טויזנד רענדלעך אונ דאס געלד האט זיא געהאט. אין איהר אייגענע כמה הייזער. און כמה געוועלבין. און איז געוועזין איין גרויסע סוחרתה, דהיינו זיא האט געהאלטין שניט סחורה. און געפירט גרויסע געשעפטין. אונ איר מאן איז ביא איהר געשטארבין.

בקיצור דאס ווייבל איז קראנק געווארין. אונ איז אלע מאהל שלאפער געווארין ביז וואנען די דאקטורים האבין זיא מייאש געוועזין.

בקיצור זיא איז פון דעם געוואר געווארין אז די דאקטורים זענען זיא מייאש, און זיא האט אליין אין זיך געשפירט אז זיא איז זייער שלאף. און איז מכוון אזוי האט זיך געטראפין אז רבי ליב שרה'ס איז גראד געוועזין. נוא אזויא ווי באלד דאס ווייבל איז געוואר געווארין אז דער ר' ליב איז דוא אין שטאדט. אזוי האט זיא איהם געשיקט זאגען. אז זיא ניט איהם אוועק אהאלב פאר מעגין. אבי ער זאל זיא מאכען געזונד. אזוי האט געפרעגט ר' ליב שרה'ס וויא פיל פאר מאגט זיא וואס זיא וויל העלפט פאר

מעגין

מעגין אוועק געבין, וואריין ר' ליב האט גימיינט, אז זיא פאר מאגט לערך מאה או שני מאות אדומים, אזוי האט מען גיזאגט צו ר' ליב אז זיא פאר מאגט לערך שני מאות אלפים אדומים מעות וחוץ הייזער אין גיוועלבין, נוא וויא דער ר' ליב שדה"ם האט דאס דער הערט איז דאס גיוועזן בייא איהם אין גרויס וואונדער, אזוי איין אשה זאל וועלין אזוי פיל אוועק געבין נוא האט דער ר' ליב שדה"ם זיך אפ גירופען צום עולם, אז דאס איז יא אזוי, דהיינו אז זיא וועט אזוי פיל מאות שענקען. אזוי וועט ער זיא מאכען געזונד, ער וועט בייא איר ניט נעמען אפילו פרוטה אחת, נאר אבער בזה האופן, דהיינו וועלכין מענטש ער וועט זיא היסען נעמען פאר איין מאן, ער זאל אפילו זיין אבלינדער, אודער אשטומער, אודער אנאנדערע קאלעקע, אודער איין ארומאן, זאל זיא איהם ניט אפ זאגען, אונ זאל תיכף מיט איהם חתונה האבען.

נוא בקיצור ר' ליב הנ"ל האט טאקע אזוי צוא איהר באפוילין אזויא וויא אויבין גימעלט איז.

נוא בקיצור ווי דאס ווייב האט דאס גיהערט דעם באפעל פון ר' ליב שדה"ם אזויא האט דאס ווייב צוריק באפוילין צו ר' ליב שדה"ם דהיינו אז אלעמען וועמען ער וועט הייסען נעמען פאר איין מאן אזויא וועט זיא פאלגען אין בפרט אז ער וועט זיא מאכען פון טוט לעבעדיג איז מכ"ש אז זיא וועט איהם פאלגין.

בקיצור דער ר' ליב שדה"ם איז גיפאהרין צוא הויזע וויא דאס ווייב איז דארטין גילעגין, אין איז דארטען גיזעסין עטליכע טאג.

בקיצור דאס ווייב האט שוין אן גיהויבין צו זיך צו קומען ביז וואנען זיא איז שוין געזונד גיוועזן אזויא וויא אלע געזינטע מענטשין.

בקיצור איידער דער ר' ליב שדה"ם איז פון איהר אוועק גיפארין האט ער צו איהר גיזאגט, וויא אזוי וועסט דיא קאנען וויסען וועלכען חתן איך הייס דיך נעהמען, ווארום ווי דר ר' ליב שדה"ם איז גיזעסין אין אלטושק איז גיוועזן איין מרחק רב ביז מאסקווע. אזוי האט ער איהר גיגעבין איין שפיגיל פאר אסימן דהיינו אז מען וועט איהר רעדין איין שידוך אזוי זאל דער חתן איר געבין אויף גישריבען זיין נאמען מיט זיין פאטערס נאמען אין זיא זאל גיין אין איהר באזונדער חדר אריין אין זיא זאל נעהמען דעם שפיגיל וואס דער ר' ליב האט איהר איבער גילאסט אין זאל אריין קוקען אין דעם שפיגיל אריין, אין אז זיא וועט אין שפיגיל דער זעהן דיא צורה פון ר' ליב זאל זיא דעם דאזיגען חתן נעמען פאר איין מאן, ובאים זיא וועט ניט דער זעהן דיא צורה אזוי זאל זיא דעם חתן אפ זאגין, דהיינו זיא זאל זאגען ער גיפעלט מיר ניט, אין זאל פר קיינעם ניט מגלה זיין דר סימן ווארום ר' ליב הט איהר אזוי אן גיזאגט, נוא ר' ליב האט זיך מיט איהר גיזעגינד אין זי הט איהם גיבעטין ער זאל פון איהר איין מתנה צו נעמען נאר ער האט ניט גיוואלט נעמען דאס מינסטע ביי איהר, נאר דער רבי האט איהר גיזאגט או דאס וועט זיין בייא מיר איין מתנה אז דיא וועסט מיך פאלגין אין וועסט נעמען דעם דאזיגען מאן וואס איך וועל מרוצה אויף איהם זיין אזוי וויא איך דאב דיר דעם סימן איבער גילאזט.

בקיצור דער ר' ליב הנ"ל איז אוועק גיפאהרין, אין מען האט אן גיהויבין רעדען דעם ווייב צו רעדין אין פאהר צוא שלאגין גרויסע שידוכים דהיינו מיט גרויסע גבירים אין סאניטארסקע יונגע לייט אויך מיט גרויסע רבנ"ם ווייערע קינדער. אין וויא באלד זיא האט גיהייסן ברענגען דעם חתן. וואס מען רעד איהר. בכדי זיא זאל זעהן אין שפיגיל אויב ר' ליב שדה"ם איז מרוצה אויף דעם חתן. אין וויא באלד דער חתן איז גיקומען אונ דאס ווייב האט אריין גיקוקט אין שפיגיל אריין. אין האט דארטין ניט דער זעהן

דיא

דיא צורה, פון ר' ליב שרה'ס, אזוי האט זיא דעם חתן, אפ גיזאגט דהיינו זיא האט ניט גיוואלט איהם זאגין פאר וואס זיא וויל איהם ניט, רק זיא האט גיזאגט איהר הארץ שפייט איהר ניט צוא, אז זיא זאל נעמען דעם חתן. אין זיא האט אבער קיינעם ניט גיוואלט זאגען פאר וואס.

נוא בקיצור דיא שדכנים האבין כמה פעמים אלץ בחינם זיך באהמיט אזוי האבין זיא שוין מער ניט גיוואלט זיכען פון אירעט וועגין שידוכים. נוא לאזען מיר לאזען זיא דער וויל זיך איהר האנדיל פיהרין, אין מיר וועלין אן הייבין ווייטער פון ר' ליב שרה'ס צו דער ציילין, דהיינו עס איז גיוועזן אקרוב צו ר' ליב שרה'ס ער איז גיוועזן אגרויסער עושר, ער פלעגט צוא פאהרין אלע פיהר וואכען צוא ר' ליב שרה'ס. גם ער פלעגט ארויס צו נעמען אלע האלבע יאהר ר' ליב שרה'ס צו זיך אהיים. דבכלל ער פלעגט דעם רבי איבער געבין אסך געלד, אויך פלעגט ער דעם רבי צו שיקן אסך מתנות.

נוא בקיצור דער קרוב איז אפ גיברענט גיווארין דיא גראילניע מיט יי"ש מיט דער שטאהל אקסין הכלל ער איז נאך גיבליבען אבעל חוב אין דאס ווייב מיט דיא קינדער וועגען בייא איהם אויס גישטארבין. בקיצור ער האט אן גיהויבין צו גיין אין דיא הייזער בעטין איין שטיקיל ברויט. קורץ אין צווייא צדער דרייא יאהר נאך זיין ארויס גיין אזוי האט ער שוין גיהאט צפנים אזוי וויא אלע אנדערע ארומע לייט דהיינו ער איז שוין גיגאנגען אלאטע אויף איין לאטע אין נאקיט אין בארוויס.

נוא בקיצור דער ארומאן האט זיך מיישב גיוועזן באשר ער פלעגט צוא ר' ליב שרה'ס אזוי פיל געלר איבער גיגעבין אזויא וועט ער זיך לאזען צו דער שטאדט וויא ר' ליב שרה'ס וואוינט דארטין. טאמיר וועט ער איהם עפעס העלפין. קורץ דער ארומאן איז גיגאנגען פון איין שטאדט אין דער אנדערע שטאדט אריין. ביז וואנען ער איז גיקומען אין שטאדט אריין וויא ר' ליב איז גיזעסין. נוא בייא ר' ליב איז גיוועזן דער מנהג אז דער גבאי פון ר' ליב פלעגט יעדען ארומאן אלע טאג צוא געבען אנדבה. אזויא איז גיגאנגען דער ארומאן וואס ער איז גיהאט גיוועזן אקרוב צו ר' ליב. אונ האט זיך אויך אנידער גישטעלט צו ווישען די ארומע לייט. איהר וועט זעהן אז מיר וועט געבין דער גבאי איין פערצוקער אנדבה. ניט אזוי וויא מען גוט איך צו צעהן גרייצער. אזויא ריפין זיך אה: דיא ארומע לייט צוא איהם. וואס זענט איהר אזויא אשיינער יוד וואס מען זאל אייך מעהר געבין וויא אונז. מיר זענען אויך אזעלכע שיינע יודין אזוי וויא איהר.

בקיצור דער גבאי קומט צו איהם אין וויל איהם געבין אנדבה צעהן גרייצער. אין ער וויל ניט נעמען בייא איהם. אזויא רופט זיך אן דער גבאי וויא פיל דען ווילט איהר אנדבה אז מען זאל אייך געבין. זאגט דער ארומאן איין פערצוקער וויל איך. אזוי האט זיך דער גבאי אויף איהם אויך גיבייזערט. אין זאגט צו איהם פאר וואס זענט איהר דען מעהר בעל מיוחס פון אלע ארומע לייט. זייא זענען אויך אזעלכע שיינע יודין אזוי וויא איהר. פאר וואס נעמען יענע יא צוא צעהן גרייצער. אונ איהר ווילט דווקא איין פערצוקער.

קורץ ער האט פארט אנדערש ניט גיוואלט נאר א פערצוקער.

קורץ דער גבאי איז אוועק גיגאנגען פון איהם אין האט איהם נאר נישט גיגעבין ואחר זה איז גיוועזן דער גבאי בייא ר' ליב שרה'ס אין האט איהם דערציילט איין ארומאן איז דא צווישען די ארומע לייט. אזוי האב איך איהם אויך גיוואלט געבין צעהן גרייצער. אזוי ווי איך געב אלע ארומע לייט. אזוי האט ער ניט גיוואלט צוא נעמען רק ער וויל איין פערצוקער. אזוי האט גיזאגט ר' ליב נו געב איהם איין פערצוקער. דעם אנדערין טאג האט מען דעם ארומאן ווייטער גיגעבין איין פערצוקער

אין

אין ווי עס איז געקומען דעם דריטען טאג. אזוי האט ער ניט געוואלט צו נעמען אפילו אפערצוקער. אזוי האט איהם געפרעגט דער גבאי וואס דען ווילט איהר. אזוי זאגט דער ארומאן איך וויל איהר זאלט מיר אריין לאזען צו ר' ליב. נו איז געגאנגען דער גבאי און האט געבעלט צו ר' ליב דער ארומאן פאר לאנגט אז מען זאל איהם אריין לאזען צוא אייך. אזוי האט געהייסען ר' ליב אז מען זאל דעם ארומאן אריין לאזען. און ווי דער ארומאן איז אריין געקומען אין שטיב אריין צו דעם רבי. אזוי רופט זיך אן דער ארומאן צוא דעם רבי קענט איהר מיך אזוי רופט זיך אן דער רבי ניין. איך קען אייך גאר נישט. און איבער דעם האט איהם דער רבי נישט דער קענט. וויל בשעת אז ער פלעגט צום רבי פאהרין איז ער געגאנגען שיין א גיטוען. און איז געפארין מיט איין גוטע בריטשקע. און האט שיין געגעסין און גיטרונקען. אזוי האט ער געהאט מסתמא איין פנים. אבער בעת אז ער גייט אפ גירוסען און גייט צו פיס. און איז געריהן אז ער באקומט טרוקען ברויט. בקיצור מען פון דעם אנגקארטשעט פנים און אשווארץ פנים אזוי איבער דעם האט ער איהם ניט דער קענט. אזוי רופט זיך אן דער ארומאן. איך בין דער וואס איך בין געהאט געזעסין אין דער שטאדט און פלעגט אייך אלע מאהל צו שיקען מעות. און איך האב ביי אייך. כמה שבתים געהאלטען און איהר האט ביי מיר כמה פעמים שבת געהאלטען. און איך הייס מיט מיין נאמען אזוי און אזוי. נו אזוי ווי דער ארומאן האט איהם דער ציילט אז זיין ווייב און קינדער זענען געשטארבען. אזוי האט צו איהם געזאגט ר' ליב שרה'ס גיי קיין מאסקווא. דארטען איז דוא אוויבל איין גרויסע עשירה. און שדכן דיך צוא דעם דאזיגען ווייבל. און איך זאג דיר צו אז זיא וועט דיך בודאי נעמען פאר איין מאן. בקיצור דער רבי האט נאך איהם מיט געגעבין צפאר רענדליך. און האט איהם געזאגט די רענדליך וועסט די האבען אויף דער הוצאה אויב עס וועט זיך דיר טרעפין אפשר און אז עס וועט זיך דיר ניט טרעפין קיין פור. זאלסט דיא גיין צו פיס. בכדי דיא זאלסט דיך לאזען קיין מאסקווע. דער יונגער מאן האט אזויא געטוען און איז געקומען אין גרויסע צרות קיין מאסקווע. האט ער זיך ערקונדיגט וויא עס וואוינט דארטען ר' דוד שדכן. איז ער געגאנגען צוא איהם און האט מיט איהם גירעדט. און האט איהם צו געזאגט אז ער וועט איהם אסך געלט געבין אז ער וועט איהם אויס פיהרין דעם שידוך האט זיך דער שדכן אויס גילאכט פון איהם און האט איהם געזאגט צו ביסט דוא משוגע. וועט זיא דען וועלין מיט דיר זיך משדך זיין. מען רעט איהר דיא גרעסטע שידוכים און דאס געפעלט איהר ניט ווארום זיא איז זייער רייך. און אמיוחסת און אטושלמת. וויא אזוי קען איך איהר זאגען פון דעם שידוך מען וועט דאך פון מיר אויס לאכען. און זיא וועט מיך הייסען ארויס טרייבען. פון איהר שטוב. נאר זאגט נאר מיר וויא פאלסט דיא דאס אויס צו פאהרין אהער. צו האט דיך געהלמת פיליכט וועסט דיא וועלען א שידוך אויף דעם היכעל. גייא נעם דיר א ווייב ביין גלייכען. ניט צו וועלין אזוי גרויס.

דער יונגער מאן האט דאס אלץ אויס געהערט מיט גידולט. און גענומט ארויס פון קעשענע צוויא רענדליך און זאגט צום שדכן איך זעה אז איהר זענט ניט קיין עושר. איך געב אייך דיא צוויא רענדליך נאר פאר אייער טרחא איהר זאלט גיין צוא דעם ווייבל דיא גבירתא. און איהר אזוי צו זאגען געכטין איז אהער געקומען איינגער מאן. איך קען ניט זיין פאמיליע איך ווייס ניט ווער ער איז נאר ער האט מיר געגעבען צוויא רענדליך. פאר מיין טרחא. אז איך זאל צוא אייך גיין. אז איר זאלט איהם נעמען פאר איין מאן דוא זאלסט נאר אזויא זאגען איהר און דיא זאלסט מיר ברענגען איין תשובה. איז דער שדכן טאקע געגאנגען צוא דער גבירתא איהם מוצאי שבת קודש

אין

אין האט זיא פריער איבער געבעטען אויף דעם שידוך וואס ער וועט איהר זאגען אין האט איהר געוויזען דיא צוויא רענדליך וואס דער מענטש האט מיר געגעבען אז איך זאל אייך רעדין דעם שידוך מיט איהם. האט דיא גבירתא געענטפערט דעם שרבן גייא צוא הויזע אין קום דינסטיג ווידער אונ דיא זאלסט מיר ברענגען געשריבען זיין נאמען אין זיין פאטערס נאמען. איז איהר תשובה איז דם שרבן אגרויס וואונדער געוועזין אין איז געקומען צו דעם מענטש אין האט איהם דער ציילט די תשובה, האט ער געגעבין דעם שרבן געשריבין זיין נאמען אין זיין פאטערס נאמען אונ איהם דינסטיג פ״יא, איז דער שרבן געגאנגען צו דער גבירתא מיט דעם קוויטעל, מיט דיא נעמען אין דער האנד איז די גבירתא איז אריין געגאנגען אין דיא אנדערע שטוב אריין אין האט געקוקט אין דעם שפיגל פון ר׳ ליב שרה׳ס ז״ל. האט זיא תיכף דער זעהן זיין צורה אין איז אריין געקומען צום שרבן אין האט איהם געענטפערט איך זעה אז דער שידוך איז פון גאט ב״ה. דארום וויא פאלט דען איין אפגעמדער מענטש, אהער צוא קומען אין צוא וועלען זיך משדך זיין מיט מיר. נאר מן הסתם איז דם אגאט׳ס זאך קען מען דער קענען ניט רעדין. נאר כדי ניט צוא מאכען מענטשין רעדין אויף מיר אז איך האב גינומען אזויא אין עני. דרום זאלסט דיא אזו טוען, גייא צו איהם אין הייס איהם לפנים דינגען דיא וועקס געוועלבער. דיא נייע גימארטע, וואס זייא זענען לעבען מיין געוועלב אין איך וועל הייסען קומען דעם גרויסען טראנספארט סחורה, וואס איך ברויך צו בקומען פאן לייפציג אויף זיין נאמען אונ ער וועט די גאנצע סחורה אריין ליגען אין דיא האנדלין וועט דאך דיא גאנצע שטאדט זאגין אז ער איז אויך אגביר. וואריין דיא סחורות באטרעפין אגרויס פארמעגין דענסמאלט וועל איך מיט איהם חתונה האבען נאר לכען השם דוא זאלסט דאס האלטין בסוד גדול, איז דער שרבן גילאפין מיט גרויס שמחה צו דעם מענטש ענטפערין עם דיא תשובה. אז זיא איז מרוצה אויף דעם שידוך אין האט איהם גיזאגט וואס זיא האט גיהייסין טוען, איז דער מענטש תיכף גיגאנגען אין האט גידונגען דיא געוועלבער זענען געקומען דיא משרתים פון דיא גבירתא אין האבען איהר דער ציילט אז אפרעמדער סוחר האט גידונגען דיא געוועלבער אין דיא משרתים האבען איהם גיוואלט שלעכטיך מאהן, האט זיא צו זייא גיזאגט גייט שוין וואס וועט דער ארומאן אריין ליגין אין זייא, אין אויב ער איז איין עושר פיליכט וועט ער גאר האבען אנדערע סחורות וואס זייא וועלין מיר קיין שאדין ניט טוען, אין עטליכע טעג ארום איז דיא סחורה גיקומען אויף זיין נאמען אזוי וויא מיר האבען פריער געשריבען, האבען דיא משרתים פון דיא גבירתא גיזעהן זיינע סחורות האבען זייא זיך זייער פאר וואונדערט. זענען זייא גילאפין אין האבען דאס דער ציילט דיא גבירתא, זאגט דיא גבירתא איך וועל אליין גיין באקוקין זיין האנדיל, האט זיא אלעם באקוקט זאגט דיא גבירתא צו איהר פעטער וואס ער איז גיוועזין איהר גרעססער גוטער פריינד, מיין ליבער פעטער לעבען אזויא וויא איך האב גיהערט אז דער סוחר האט קיין ווייב ניט, אין אזויא וויא איך האב גיזעהן זיין עשירות. ווארום דיא סחורות באטרעפין אגרויס פאר מעגין, פיליכט וואלט דאס גיוועז אגוטער שידוך פאר מיר, איז דאס איהר פעטער זייער גיפעלין. האבען זייא מיט מזל תנאים געשריבין, אין דיא חתונה איז אויך אין אקערצליכע צייט צו מזל גיוועזן אין זענען גיוועזן גבירים אין זייער גאנץ לעבין. אין האבען גיהאט קינדער אין קינדס קינדער.

אין אשטאדט בונטישא, דיא שטאדט איז לעבין דיא שטאדט מאהלוב ברוסלאנד איז דארטין רבי ליב שרה׳ס גיוועזן זעקס וואכען ער פלעגט שטענדיג צו זיין נע ונד אין ער איז איין גישטאנען ביא איין נגיד אהארענבאר. אין וויא דיא שטאדט לייט האבין

איהם

איהם אביסעל דער קענט וואס פאר איינע שבים ער איז. האבען זייא איהם גאנץ ערליך געהאלטען און פרייטיג נאך מיטאג וויא רבי ליב איז געקומען האט ער געבעטען דעם בעל הבית אז ער זאל איהם הייסען איינשפאנען איין וואגען און זיין משרת זאל מיט איהם פאהרען אויף דעם פעלד. האט דער בעל הבית דאס געהייסען זיין משרת תיכף טאן. און זאל פאהרען מיט רבי ליב וויא אהין ער וועט וועלין. וויא זייא זענען אויס געפאהרען פון שטאדט האט דער משרת ניט מעהר געזעהן נאר שטעדט אונד דערפער דאס האט זיך איהם אויס געוויזען וויא זייא פליהען אין די ליפטען. ווענען זייא אזויא געפאהרען צווייא שעה. ביז זייא זענען געקומען אין איין גרויסע שטאדט אביין איז דער רבי אראפ געגאנגען און האט געהייסען דעם משרת ווארטען. דער משרת איז געשטאנען אזוי ווי משוגע ער האט גאר ניט געוויסט צוא ער איז צווישען מענשען אדער צווישען שדים. דער ווייל האט ער געזעהן גיין איין איד און נאכם פרעגט איהם דער משרת וויא די שטאדט הייסט. האט דער יוד איהם געענטפערט די שטאדט הייסט די קייסערליכע שטאדט וויען. איז דער משרת געבליבען שטיין זעהר פאר וואונדערט דער ווייל איז רבי ליב צוא רוק געקומען און האט איהם געהייסען פאהרען. זענען זייא ארויס געפאהרען פון שטאדט זענען זייא ווידער געשווינד געפאהרען ביז זייא זענען געקומען אין זייער שטאדט בונטיש האט דער משרת אלס דער צייהלט זיין בעל הבית האט ער איהם ניט געוואלט גלייבען. דעם אנדערען פרייטיג האט נאך אמאל הרב געבעטען דעם בעל הבית אז ער זאל איהם ערלויבען זיין משרת מיט דעם פערד צו פאהרען האט דער בעל הבית געגעבען דעם משרת געזאגט ער זאל איהם אין וויען קויפען צמעכיריל און ער זאל איהם ברענגען איין רעכענונג פון סוחר. איז אזויא געוועזען וויא יענעם פרייטיג וויא זייא זענען געקומען קיין וויען איז דער משרת תיכף געגאנגען אין אהאנדיל אביין און האט געקויפט צמעסיריל און האט געבעטען דער סוחר אז ער זאל איהם געבען א רעכענונג מיט איין ראטע. האט איהם דער סוחר געגעבען. דער משרת איז ווידער געקומען אהיים און האט דעם בעל הבית געגעבען דאס מעסיריל מיט דעם רעכענונג איז דאס ביא איהם געוועזען א גרויס וואנדער. איז ער אריין געגאנגען צו ר' ליב און האט איהם געפרעגט וועגען דעם. האט ער איהם געענטפערט זיינע רייד זענען אמת איך ווים פון א קורצען וועג צו פאהרען קיין וויען. און אלע ערב שבת פאהר איך נאך וויען וועגען איין עסק וואס איך דארף דארטען דעם דריטען פרייטיג האט דעם בעל הבית איידעם געבעטען דעם רבי ליב ער זאל איהם מיט נעמען. זענען זייא דרייא געפאהרען וויא זייא זענען געקומען קיין וויען האט ר' ליב געהייסען דעם בעל הבית איידעם ווארטען. ער האט אבער ניט געפאלגט און איז עם נאך געגאנגען הכלל דער יונגער מאן איז געוועזען אין איין סכנה. האט איהם ר' ליב דער זעהן האט ער געהייסען אהם צו האלטען אין זיין גארטיל איז ער ניצול געווארען פון דיא סכנה און ער האט דארטען גרויסע וואונדער בעוויזען.

## ל"ו צדיקים.

אין דער גרויסע שטאדט פראג, איז געוועזען איין רב אי איידער דער רב איז געשטארבען זענען צו זאמען געקומען דיא גרויסע לייט פון דער שטאדט און זייא האבען איהם געפרעגט וועמען זיי זאלען מאכען פאר איין רב אויף זיין ארט אין די שטאדט. האט זייא דער רב געענטפערט דער מענטש וואס וועט קראנק זיין צום ערשטען נאך מיין טויט, איהם זאלט איהר פרעגען. און ער וועט אייך זאגען נאר איהר זאלט ניט עובר זיין אויף זיין זאגען, און וויא דער רב האט אויף געהערט צו רעדען מיט זייא האט ער זיך אויס געדרייט מיט דעם פנים צו דער וואנד. אונד איז געשטארבען און די מענטשען

האבען

האבען איהם קובר געוועזן אין באקלאגט נאך זיין כבוד נאך. אין די חברא קדישא האבען געהייסען די שמשים אין די גבאים פון די חברה ביקור חולים אז א מענטש וועט קראנק ווערין זאל מען צו וויסען טוען די חברה קדישא. אין עס איז ניט געוועזן קיין קראנקער אין דיא שטאדט דרייסיג טאג. אין סוף דרייסיג טאג איז קראנק געווארין איין חייט וואס ער האט געוואוינט אונטער דיא שטאדט אין איין פינצטערע אונד איין ענגע שטוב אין דיא שמשים האבען איהם געקאנט פאר איין לעהרער מענטש אהן שכל אין עס איז אפילו נישט רעכט צו רעדין מיט זויא איין מענטש. אין דיא שמשים האבין צוא וויסען געטוען דיא גבאים פון דיא חברה קדישא. וואס זייא זענען געוועזן לומדים גאונים אין מיוחסים און זייא האבען געהאלטין איין עצה צוא ווישען זיך אז זייא זאלען נישט עובר זיין אויף דעם רב׳ס צוואה. זייא זענען געגאנגען צום חייט אין זייא האבען איהם געזאגט איהר זאלט וויסען דאס דער רב האט פאר זיין טויט געהייסען אייך פרעגין ווען מען זאל מאכען פאר איין רב אויף זיין ארט. האט דער שניידער זייא געענטפערט ווער איז דער רב ווער האט אייך געשיקט אין וואס דארפט איהר מיך פרעגין האבען זייא זיך זייער פערוואונדערט אין זייא האבען איהם נאך אכאהל געפרעגט. נאר זיי האבין געזעהן אז ער איז א מענטש אהן שכל האבען זייא זיך געטראכט אז נישט איהם האט דער רב געמיינט. ווארין ווען ער וואלט געוועזן איין פערבארגענער צדיק וואלט ער בעדארפט זאגען אונזער בקשה זויא וויא דער רב האט מיט אונז גערעט אין זייא זענען אוועק געגאנגען.

אויף דעם דריטען טאג. האט דער חייט נאך זייא געשיקט אין האט געזאגט אז איין גייטיגע זאך האט ער צוא זייא. זענען זייא געקומען האט ער זייא געזאגט איהר זאלט אייך נישט פערוואונדערין פאר וואס איך האב אייך פריער ניט געענטפערט ווארין איך האב נאך ניט אט צוא לעבען דרייא טאג האב איך נאך ניט געקענט דיא זאך אנטפלעקין. נאר יעצט זאלט איהר פאהרין אין דיא שטאדט אוסטרהא אין איהר זאלט נעמען דעם רב פון דארטין אין איהר זאלט איהם צו זאגען פול שכר. ער זאל מרוצה ווערין ער זאל דא זיין אין דיא שטאדט אין אז ער וועט פאר פול שכר אויך ניט ווערין זאלט איהר איהם זאגען פון מיין נאמען אז איך האב איהם געהייסען אז ער זאל אהער פאהרין זיין איין רב וועט ער אייך הערין. אין זויא ער האט אויף געהערט צוא רעדין איז ער געשטארבין. אין מען האט איהם בא׳יד קובר געוועזן צווישען קברי צדיקים אין דער נאך זענען צוויי מענטשין בכבוד׳טע פון דארטין געפאהרין נאך אוסטרהא אין זיי זענען געקומען צום רב אין זייא האבען איהם געזאגט נאך וואס זייא זענען געקומען דהיינו ער זאל זיין דארטען אין פראג רב. האט ער ניט געוואלט האבען זייא איהם צוא געזאגט פול שכר האט ער אויך נישט געוואלט. אין ער האט צו זיי געזאגט איהר זאלט ניט שטארקין צו בעטען מיר. ווארין איך קאן ניט טוען דיא זאך. ווייל מיין פאטער. אין מיין זיידע זענען אויך געוועזן רבנים אין די שטאדט אוסטרהא. איבער דעם קאן איך ניט פערלאזין דיא חזקה פון מיינע עלטערין. אין וויא דיא מענטשין האבען געזעהן אז ער וויל זיי ניט הערין. האבען זייא איהם געזאגט דאס דער חייט האט געזאגט פאר זיין טויט אז איר זאלט מיט אונז מיט פאהרין אין זיין איין רב אין דער שטאדט פראג. נוא וויא דער רב האט דער הערט דיא צוואה פון חייט. איז ער תיכף מרוצה געווארין צוא זייערע רייד אין איז מיט זייא מיט געפארין אין ער איז געווארין איין רב אין דיא שטאדט פראג אין מען האט איהם זייער בכבוד געהאלטען. ווארין מען האט עהם דער קענט פאר איין צדיק תמים.

# רזין קדישין

## הר"ר נפתלי.

הרב ר' נפתלי איז גיוועזין אין דיא יוגענד איין רב אין איין קליין שטעטיל ער האט דארט גינומען זייער איין קליינעם גיהאלט וויא ער האט גיזעהן אז דיא שטאדט ביט ווערין ארומע לייט און ער האט זייא גיוואלט העלפין. דרום האט ער גיטוסט אנדערש טוען וויא זיין מנהג איז גיוועזין פון זייא צו נעמען צדקה. נור ער האט זייא גיבעטען זייא זאלען אים קויפין א בהמה אחפין. האט יעדער מענטש גיגעבען צוא ביכליך לויט זיין כח און מען האט אים גיקויפט דאס חפץ וואס ער האט פערלאנגט. האבען דיא שטאדט לייט אנגיהויבין מצליח זיין צוא פערדינען פול געלד וואס מעהר זייא האבען איהם גיקויפט מתנות. האבען זייא מעהר מצליח גיוועזן זייא האבען פערשטאנען אז זייער הצלחה איז נאר דורך איהם. זייא האבען נאר אויס גיקוקט אז ער זאל בעטען איין מתנה. האבען זייא איהם גיקויפט מיט פול שמחה. מיט דיא צייט זענען די שטאדט לייט גיווארין שטארקע נגידים און זייא האבען דעם רב ר' נפתלי זייער בכבוד גיהאלטין.

בימים ההם האט איין קעניג דעם אנדערין קעניג גישיקט איין מתנה איין טייער קעסטיל. עס איז גיוועזין זעהר מיט קונצין גיארבעט און דיא בעלי מלאכות וואס האבין גימאכט דאס קעסטיל זענען מיט גיפארין צו דעם מלך. זייער נסיעה איז גיוועזן דורך די שטאדט וויא ר' נפתלי איז גיזעסין. דארטין האבען זייא גערוהט די גאנצע שטאדט לייט זענען גיגאנגען זעהן דאס קעסטיל וויא שיין דאס איז דער רב ר' נפתלי איז דעמאלט גיגאנגען פון דאווינען האט ער זיך אפ גישטעלט אויך זעהן דיא ארבייט פון דעם קעסטיל האט ער גיזעהן אז עס איז זייער שיין. קיין שום מענטש האט ניט נעוויכט וויא מען עפינט דאס קעסטיל דער רב האט זייא גיבעטען זייא זאלען גיין צו די בעלי מלאכות זייא זאלען עס עפענען. האבען דיא שטאדט לייט אזוי גיטוען. .ין האבען גיבעטען דיא בעלי מלאכות און זייא האבען דאס קעסטיל גיעפינט. האבען זייא דארטין גיזעהן דאס טייערקייט און דאס שיינקייט פון דעם קעסטיל. דעם אנדערין טאג האט דעם רב גישיקט איין גיבעט ברוף. אין בית המדרש אריין; אז זייא זאלען איהם אויך מאכען ביי דיא אייגענע בעלי מלאכות אזוי איין קעסטיל וויא זייא האבען גימאכט דעם קעניג די שטאדט לייט האבען פערשטאנען אז דאס איז אונמעגליך. איז גיבליבען ביי זייא כלל אז זייא זאלען דעם רב ניט ענטפערין אויף זיין בריף. וויא דער רב האט גיזעהן אז ער האט ניט קיין שום ענטפער פון דיא שטאדט לייט. האט ער נאך איין מאהל גישיקט צו דיא גרויסע גבירים פון דיא שטאדט, אין בית המדרש. אז זייא זאלען ניט אנדערש טוען האבען זיך איין גיזאמעלט דיא גאנצע שטאדט לייט אין בית המדרש צו קלערין איין עצה אויף דעם. איז גיווען עטליכע מענטשין וואס זענען דארטין גיוועזן האבען זייא גיזאגט וואס האבען מיר צו קלערין אז מיר קאנען דער צוא ניט גרייכען, דרום לאזען מיר איהם ניט הערין, און מיר וועלין איהם ענטפערין אז ער זאל דאס מעהר ניט בעטען. האבען די איבעריגע שטאדט לייט זייא גיענטפערט גייט איהר צום רב מיט דיא ענטפער. מיר קענען ניט אזוי ענטפערין אזוי וויא איהר זאגט. זענען דיא עטליכע מענטשין גיגאנגען מיט גרויס גאוה צום רב מיט דיא ענטפער וויא זייא זענען אריין צום רב אין שטוב פרעגט זייא דער רב וואס איז זייער פערלאנג. האט דער גרעסטער פון זייא גיענטפערט וואס פאר אנארעשקייט איהר פערלאנגט פון אונז דיא זאך וואס איהר ווייסט אז מיר קענען דער צו ניט גרייכען. דרום זאלט איהר וויסען אז אייער גיבעט האבען מיר גימכט צו נישט דיא איבעריגע מענטשין וואס זענען מיט

גיוועזן מיט זייא. זענען ניט געוועזן אזעלכע בעלי גאוות וויא ער. נאר זייא האבען איהם אויך געזאגט פאר וואס ער זאל אזעלכעס פערלאנגען. ווען זייא זאלען זייער פערמעגענס פערקויפען וועלין זייא דאס ניט באקומען. דרום זאל ער דאס ניט בעטען ער זאל אונז ניט כצער זיין. האט דער רב זייא געפרעגט וועט איהר מיר מאכען דאס קעסטיל האבען זייא אלע געענטפערט ניין. איהר זאלט אונז מער ניט בעטען וועגין דיא זאך. האט ער זייא געזאגט אויב איהר ווילט מיר ניט געבען דיא מתנה וועל איך אייך געבען איין טאפעלע מתנה. דיא ערשטער ווייל דיא האסט געוואלט אין מיר פעלשען מער וויא אלע וועסטו דאס יאהר שטארבען. אין דיא צווייטער וועסט ווערין דאס יאהר דער הייכט. אין וועסט פאלען אין דיא פאנגערס האנד ארין אין דיא וועכט שטארבען אין דער תפיסה פון דיא קיטען וואס מען וועט טוען אויף דיינע פיס. אין דיא דריטער וועסטו אויך ווערין דער הייכט. דיא וועסט זיין איין גרויסער עושר. אין עס וועט געבורין ווערין צו דיר איין זוהן. דאס יאהר. ער וועט זיין איין גרויסער לבדן. אין אז ער וועט אלט ווערין דרייצען יאהר וועט ער לייקענען דיא אמונה. אין זייא זענען אוועק אין זייא האבען ניט געגלויבט זייער הארץ דער צו אז זייא זאלען בעטען פון איהם כליחה. אין דער רב ר׳ נפתלי האט זיך אויף געשטעלט אין האט ארויס געקוקט דורך דעם פענצטער. אין דיא מענטשין פון דיא שטאדט זענען געקומען צו איהם האבען איין דין הודה אזוי וויא זייער מנהג. וויא דיא מענטשין זענען ארין אין שטיב. האט ער זיך אוים געדרייט פון פענצטער אין האט געהייסען ברענגען משקה פאר זייא ער האט גינומען דעם כוס אין דער האנד אין האט געזאגט לחיים. מזל טוב. איהר זאלט וויסען אז איך בין היינט אויף גינומען געווארין פאר איין ראש ישיבה אין איין רב אין דיא שטאדט פוזנא. דיא זאך האט אוים געזעהן בייא זייא וויא איין געשפעט. זייא זענען געגאנגען אין האבען דער ציילט דיא רייד דיא שטאדט לייט האבען זייא ניט געגלייבט. נאר זייא האבען געזאגט פאר וואס זאל ער דען אוועק פון דאנען וויא מען האלט איהם בכבוד אין ער זאל ווערין פאר וואגילט אין איין פרעמד לאנד.

בעבור ימים לא כבירים. אין עטליכע טעג ארום זענען געקומען צוויא מענטשין פון די שטאדט פוזנא. אין איין כתב אין זייערע הענד אז ער איז דארטין אויף גינומען געווארין פאר איין ראש ישיבה פאר פול געלד אין די זעלבע מענטשין פון שטאדט זענען בייא איהם געזעסען האבען זייא געזעהן אז זיינע רייד זענען אמת. האבען זיך איין גיזאמולט דיא מענטשין פון שטאדט אין האבען ביטער געוויינט אין זייער גיבעטען איהם ער זאל דארטין ווייטער בלייבען האט ער זייא געענטפערט אזוי וויא עס איז ניט מיגליך איין צו בייגען הימעל צו דיא ערד אזוי איזט נישט מיגליך איך זאל ווייטער בלייבען. אין ער האט זיך געזעגינד מיט זייא אין האט זייא גיבענשט אין איז אוועק גיפאהרין מיט דיא מענטשין קיין פוזנא וויא ער איז דארטין גיקומען האבען איהם דיא מענטשין פון שטאדט מיט גרוים כבוד צו גינומען אין האבען איהם גימאכט פאר איין רב. אויך פאר איין ראש ישיבה.

עתה ידידי. יעצט מיין ליבער לעזער לאזען מיר גיין צו דיא דרייא הערשאלטענע מענטשין. אין איין חודש צייט איז דער ערשטער עזות פנים געשטארבין. אין דער צווייטער איז רייך געווארין. אין ער איז גיפאלען אין די פענגערס הענד. אין זיי האבען איהם גיזעצט תפוס. אין ער איז דארט געשטארבין. אין דער דריטער איז זייער רייך געווארין אין ער האט גיהאט פול עשירות. אין זיין ווייב האט איהם גיבארין איין זוהן. אין ער האט גימאכט איין גרויסע סעודה מען האט דאס קינד מלה געוועזן כחוק ומשפט אין האט גיגעבין פול מתנות צוא עניים ער האט פערשפרייט פול געלד וויא דאס

קינד

קינד איז אלט געווארין דרייא יאהר האט ער איהם גיגעבין צו איין מלמד, דאס קינד האט זייער באגערט צו לערנען און ער האט באקומען חן ביי אלע מענטשין און ער איז גיוועזין זייער קלוג. אז ער איז אלט געווארין זעקס יאהר האט ער שוין גוט גילערינט און ער איז געווען זייער איין שיין קינד וואס דיא גאנצע שטאדט האבען איהם גיליבט אויך דער פאטער האט מצליח גיוועזין און אלע וועגען און זיין נאמען איז גיווארין באקענט אין דער וועלט. נאר אז ער האט זיך דער מאנט אין ר' נפתלי'ס רייד, וואס עס וועט זיין מיט דעם קינד האט ער געהאט פיל עגמת נפש דער פון.

ויהי שם איז דארטין גיווען אין דער שטאדט איין ארומאן וואס האט געהאט פערד און וואגען און פלעגט צוא פאהרין מיט ארומע לייט פון איין שטאדט צוא דיא אנדערע און האט צו זאמען גיקליבען נדבות דורך דיא ארומע לייט, איבער דעם האט מען איהם גירופען דער רייכער ארומאן, איז גיגאנגען דער גביר צו דעם ארומאן און האט איהם דערציילט דיא גאנצע מעשה פון ר' נפתלי מיט זיין זוהן, און האט איהם גיבעטען דאס ער זאל קומען צו איהם מיט זיין פערד און וואגען באלד אין דער פריא ווען דאס קינד וועט נאך שלאפען, און ער זאל איהם נעמען אויף דעם וואגען מיט זיך און ער זאל איהם איין רעדען דאס ער איז זיינער א פאטער און זאל איהם שרייבען שלום ברוף פון דעם קינד. כדי ער זאל אפ טוען דיא חרפה פון איהם ער האט איהם צוא גיזאגט גוט צוא באצאלען אלע יאהר אז ער וועט איהם שרייבען איין ברוף מיט דעם רב'ס חתומה. און ער האט איהם באלד באצאהלט פאר דעם יאהר, דער ארומאן האט איהם צו גיזאגט דאס ער וועט אלץ טוען. דער ארומאן האט דאס קינד גנומען באלד אין דער פריא אין דעם וואגען אריין און האט איהם אוועק גיפירט און דאס קינד איז גישלאפען און האט גאר נישט גיוויסט וויא דאס קינד איז אויף גיקומען און ער האט גיזעהן דאס ער ליגט אין איין וואגען אין ארומע לייט ארום אום האט דאס קינד אהן גיהויבען צו וויינען. ער האט זיך דער מאנט אז דער פאטער זיצט אין שיינע שטובען. און איז רייך ער האט פול גישעפטען מיט פערשידענע סחורות און ער איז איין בן יחיד צו זיינע עלטערין און יעצט זיצט ער אין אזוי א וואגען מיט ארומע לייט האט ער אנגיהויבען צו שרייען מיט איין ביטער גיוויין טאטע, מאמע. האט דער ארומאן זיך אהן גירופען וואס שרייסט דוא מיין קינד. איך בין דיין טאטע און אויך זיין ווייב האט ער גיזאגט דאס איז דיין מאמע זייא האבען איהם גיגעבען צוא עסען ווייס ברויט דאס קינד האט זייער גיזארגט ווייל ער איז גיוואונט גיווען צו עסען זיסע שפייזען וואס זיין הארץ האט גיגלוסט און יעצט מוז ער עסען טרוקען ברויט. אויך ער האט נאך צייט זיין לעבען ניט גיזעהין אזעלכע ארומע לייט וואס זענען דארטען גיווען, אפ גיריסען אפ גיפלוקט באקיט און בארווס איז דאס גיווען אוואונדער אין זיינע אויגען. דאס ער גייט אין זיידענע קליידער. וויא ער איז גיזעסען אין וואגען האט ער גיזעהן. וויא דער ארומאן מיט דיא קינדער גייען ארום אין דיא שטאדט בעטלען און נעמען צו זאמען שטיקליך ברויט זייא זענען אזוי גיפארין פון איין שטאדט צו דער אנדערע, זייא האבען זיך צו שפרייט און אלע גאסען און האבען גיבעטולט געלד און שטיקליך ברויט נאר דאס קינד האט נאך פון דעם צלעם נישט גיוויסט און ער האט זיך גיטרייסט וום ער האט גיקראגען שיין ברויט אלע טאג צו עסען און ער איז גיגאנגען שיין גיקלייד אין איין זיידין העמדיל פון אויבען און איז נישט גיגאנגען בעטלען אזוי וויא אלע.

לימים לא כבירים. און עטליכע טעג ארום, האט דער ארומאן גימערט טרויריקייט אויף דעם קינד דאס זיידענע העמדיל האט ער איהם אוים גיטוען און ער האט איהם אנגיטוען צו רוסענע קליידער אזוי וויא זיינע קינדער. און האט איהם גישיקט בעטלען.

נאקעט און פארוואס איז ער גיגאנגען פון איין הויז צום אנדערין און זיין שוינקייט האט גיבליבען אזוי ווי די זון מענטשין האבען איהם באלד דערקענט אז ער איז איין יידיל קינד זיי האבען זיך אויף איהם דער בארומט און יעדער מענטש האט איהם גיגעבען איין נדבה זייא האבען איהם מעהר גיגעבען וויא אנדערע ארומע קינדער אויף דער נאכט אז דער ארומאן האט גיזעהן דאס ער האט מעהר איין גיזאמעלט וויא אנדערע ארומע קינדער האט ער איהם זייער בכבוד גיהאלטען אז ער האט גיקריגען איין גוט מאכל אדער משקה האט ער עס דאס קינד אוועק גיגעבען עס האט אזוי גידארט עטליכע וואכען און עס איז ביטטער גיווארין דאס לעבען פון דעם קינד מיט אזוי איין ארבייט און מידעקייט און עטליכע טעג ארום איז דער ארומאן גיקומען אין איין גרויסע שטאדט האט דער ארומאן זייא גישיקט איינציג ווייס און דאס קינד האט ער אויך באזונדער גישוקט בעטלען איז גיגאנגען דאס קינד און האט זיך דארט באהאלטען פאר דעם ארומאן און איז גיגאנגען אין בהמ"ד אריין לערנען האט ער גילערנט וואס זיין רבי האט מיט איהם פון לאנג גילערנט און וויא דער גבאי פון ביהמ"ד האט גיזעהן דאס ארומע קינד זיצט און לערנט האט ער איהם גיפרעגט פון וואנען ער איז האט איהם דאס ארומע קינד גיענטפערט דאס ער ווייסט נישט נאר ער גידענקט דאס זיין פאטער איז איין גרויסער נגיד, און ער איז גיוועזען איין בן יחיד נאר אין איין צייט ארום האב איך מיך אויף גיוואכט אין דער פריא לוג איך אין איין וואגען. און איין ארומאן מיט זיין וויב און קינדער ארום מיר זייא האבען מיך גיגייט איך זאל זייא רופען פאטער און מוטער איך האב גילוטען דיא צרות וואס האבען מיך גיטראפען, נאר איך האב מיך גיטרייסט דאס זייא האלטען מיך בכבוד איך בין גיוועזען אן גיטוען אין דעם העמדיל וואס מיין פאטער האט מיך אהן גיקלייד און זייא האבען מיך נאך נישט גישוקט בעטלען אין דיא גאסען נאר אין פול טעג ארום זענען פול גיווארין מיינע צרות ווארום ער האט מיר אויס גיטוען דיא בכבודה קליידער און האט מיר אהן גיטוען צעריסינע קליידער וואס איהר זעהט אויף מיר און האט מיך גישוקט בעטלען דרום בין איך מיר גיווארין צו ליידין דיא צרות. דרום בין איך גיקומען אהער צו באהאלטען מיך פאר איהם ביז וואנען ער וועט אוועק פארין פון דאנען. דער נאך וועל איך גיין אין דיא ישיבה אריין לערנען תורה. דער גבאי האט מיט איהם גישמועסט און לערנען האט ער גיזעהן דאס ער איז איין קלוגער מענטש האט ער חן גיקריגען אין זיינע אויגען. דער גבאי האט גיהייסען דעם שמש אז ער זאל דאס קינד באהאלטען. דער ארומאן האט גיזעהן ביי דער נאכט דאס קינד איז נישט דא. האט ער גימיינט אז דאס קינד איזפ־ בלאנדזעט. און ווייסט ניט צו איהם צוריק צו קומען. איז ער גיגאנגען אין דיא גאסען זוכען איהם און האט איהם נישט גיפונען האט ער זיך גיטראכט אז ער איז צו אנדערע ארומע לייט צו גישטאנען. ער זאל מיט זייא גיין בעטלען. ער איז פון דארט אוועק גיפארין און ער האט נישט גישריבען צום פאטער דעם גביר קיין בריף פון דעם קינד. האט דער פאטער גימיינט אז דאס קינד איז גישטארבען. און דאס קינד איז גיוועזען אין דעם ביהמ"ד איין ערך פון אהאלב יאהר אלע מענטשין האבען איהם ערקענט אז ער איז איין זון פון גבירים אדירים זייא האבען זיך ערבארעמט אויף איהם און האבען איהם גיגעבען צוא עסען און האבין מיט איהם גילערנט. און האבען איהם ארינטליך גיקלייד זייא האבען גיזעהן דאס ער איז איין חכם. האבען זייא איהם אוועק גישיקט אין איין ישיבה און האבען איהם מיט גיגעבען איין כתב צום ראש ישיבה וויא ער איז גיקומען אין דיא ישיבה האט ער גיגעבען דאס כתב דעם ראש ישיבה אויך האט ער איהם דערציילט אלעס וואס עס האט זיך מיט איהם גיטראפען דער ראש ישיבה האט איהם גיפריבט אין לערנען ער

האט

האט חן גיקריגען אין זיינע אויגען און האט דארטען גילערינט איין גאנץ יאהר נאך דעם יאהר האט איהם דער ראש ישיבה גיגעבען איין כתב און האט איהם גישיקט אין איין גרעסערע ישיבה וויא ער איז דארט גיקומען האט ער אויך באקומען חן ביא דעם ראש ישיבה פון דער צווייטער ישיבה וואהרין ער איז גיוועזען גרעבער מיט תורה מעהר פון די אנדערע תלמידים פון דיא ישיבה ער האט דארט גילערינט איין לאנגע צייט און איין צייט ארום האט דער ראש ישיבה גיזעהן דאס ער דארף שוין האבען איין גרעסערין רבי פון איהם דאס הייסט מעהר למדן פון איהם האט ער איהם גישיקט אין איינע פון דיא גרעסטע ישיבות פון די שטאדט פוזנא האט איהם דער ראש ישיבה פון דארט גיפריבט אין לערנען האט ער גיזעהן דאס ער קאן גוט לערנען אויך בקי און אלעם נאר קבלה האט ער נאך ניט גילערינט האט מען מיט איהם גילערינט דיא חכמה פון קבלה האט ער באלד מקבל גיוועזען און איין קורצע צייט האט ער גיוואלט דארטין שוין פארבלייבען ביז צו דעם טאג פון חתונה ווארום ער האט דארטען גילערינט אלץ וואס זיין הארץ האט גיגליסט

ביָמים ההם. אין דער זעלבע צייט האט דער ראש ישיבה פון פוזנא ר' נפתלי גיוואלט טוען איין שידוך מיט זיין טאכטער האט ער גישריבען בריף צוא אלע ראש ישיבות זייא זאלען איהם אויס קלייבען איין בחור איין שיינער און איין למדן און איין גאון ער זאל ראוי זיין צו זיין איין איידעם ר' נפתלי'ס. און מען זאל דעם בחור ברענגען אויף זיינע הוצאות און דער פאר וועט ער געבען דעם ראש ישיבה איין גרויסע מתנה וויא דער בריף איז גיקומען צו דעם ראש ישיבה וואס האט גילערינט מיט דעם גביר'ס זון האט ער גינומען דעם בחור און איז מיט איהם אוועק צו ר' נפתלי. וויא ר' נפתלי האט דער זעהן דעם בחור האט ער חן באקומען ביא איהם און האט מיט איהם גישמועסט און ענין פון לערנען, גמרא, פוסקים, קבלה, און ער האט איהם שטארק גיפעלין ער האט גיגעבען איין לויב צו השי"ת וואס ער האט איהם צו גישיקט איין חתן אזוי וויא ער וויל אליין, ער האט איהם באלד גישענקט מתנות. מען האט באלד גימאכט תנאים גרויס ארטיג אזויא וויא ביא איין רב מען האט גיבעטען אלע גרויסע לייט פון דער שטאדט, דער חתן האט גידארשינט שטארקע דרשות, ר' נפתלי האט איהם גיפרעגט שטארקע קשיות און לערנען און ער האט איהם גיענטפערט מיט שטארקע חכמה אויף אלע קשיות דרייא טאג דורך אויס איז גיוועזען דיא שמחה גרויס אן אשיעור דער חתן האט אלע טאג גיזאגט אנדערע דרשות מען האט אפ גילייגט דיא צייט פון דיא חתונה ביז דיא צייט וואס דער חתן וועט אלט ווערין דרייצען יאהר כדי עס זאל קאנען זיין דיא חתונה מיט דיא בר מצוה אין איינעם. וויא עס איז גיקומען דיא וואך פון דיא חתונה, האט ר' נפתלי גימאכט גרויסע סעודות פון שבת אהן ער האט גישיקט בריף צו אלע ראש ישיבות און צו אלע גרויסע לייט זייא זאלען קומען אויף דעם טאג פון דער חופה.

און עס איז אהין גיקומען פול מענטשין לומדים גאונים גבירים אדירים, און דער חתן איז גיקומען אויף דעם דריטען טאג, מען איז איהם אנטקיגען גיפארין מיט פול קאטשען מיט פול כלי זמרים מען האט איהם שיין אויף גינומען אין דער שטאדט מיט גרויס כבוד. אויף דער נאכט האט דער רב גימאכט איין מאהל צייט, עס איז דארט גיוועזען אלע גיבעטינע מענטשין און דער חתן האט גידארשינט טיפע דרשות אלע מענטשין וואס זענען דארט גיוועזען האבען דעם רב מקנא גיוועזען מיט דעם טייערין חתן. זייא האבען דארט גיגעסען און גיטרינקען ביז אין דער פריא, צוא מארגינס איז גיוועזין אין דיא שטאדט פוזנא זייער אגרויסער יריד. זענען מענטשין גיקומען פון עק וועלט

דארט האנדלען. ווארין עס איז דארט געוועזן אגרויסער יריד אגאנצען חודש. וויא מענטשען האבען דער הערט אז דער רב מאכט התונה אונ דיא וועלט לויבט דעם חתן אז אשיעור זענען מענטשען געגאנגען זעהן דעם חתן אונ צווישען זיי איז געוועזן דעם חתנ'ס פעטער דעם פאטער'ס ברודער. וויא זייא זענען געקומען האטש עס איז געוועזן זייער ענג פון דעסט וועגין האבען זייא זיך דאך צו געשטופט צו דער שטוב ווא דער חתן איז געוועזן, דער פעטער האט דעם חתן באלד דערקענט. אויך האט ער זיך דער מאנט אין דער קללה וואס ר' נפתלי האט איהם געשאלטען. ער איז געווארין דער שראקען ער איז באלד אוועק געגאנגען מיט צאדרין אין דיא אכסניא וואס ער איז איין געשטאנען. אונ איז אנידער געפאלען חלשות אויף דער ערד פון פיל דער שרעקעניש אזוי וויא איין מת. דער בעל אכסניא האט איהם באלד דער מינטערט ער האט איהם אויף געשטעלט פון דער ערד אונ האט איהם געהיילט מיט רפואות ביז ער איז צו זיך געקומען. ער האט איהם געפרעגט פון וואס דאס איז, האט ער איהם ניט געענטפערט. נאר ער איז געזעסען אונ געוויינט. דער בעל אכסניא האט איהם שטארק געבעטען ער זאל איהם זאגען וואס דאס איז האט ער איהם דערציילט דעם שורש פון דער זאך. איז דער בעל אכסניא מיט גרויס היילניש געלאפען צו ר' נפתלי. ער איז געקומען אהין שוין אין דערצייט וואס מען איז געגאנגען דיא כלה באדעקען מיט דעם דעק טוך. ער האט ניט געקענט צו גיין צום רב. נאר וויא זייא זענען אוועק געגאנגען פון דארט צום חתן האט ער זיך געשטארקט אונ איז צו געגאנגען צום רב. אונ האט געזאגט אז איין נייטיגע זאך אונ איין פאר בארגינע זאך האט ער צו איהם. דער רב איז מיט איהם געגאנגען אין איין בעזונדער חדר אריין אונ האט איהם געפרעגט וואס דיא זאך איז האט ער איהם דערציילט דיא אלע רייד וואס דער פעטער פון חתן האט איהם דערציילט. האט זיך דער רב דערמאנט אז עס איז וואר אז ער האט איהם געשאלטען מיט דער זעלבע קללה. ער האט פארשטאנען אז דאס איז פון השי"ת כדי ער זאל קאנען מבטל זיין די גזרה. ער האט איהם זייער געדאנקט וואס ער האט איהם באלד געזאגט דיא זאך. נאר ער האט איהם געווארינט אז ער זאל ניט פארציילען דאס פאר קיינעם אונ האט געהייסען זאגען דעם פעטער פון חתן. אז ער זאל ניט אויס זאגען פאר קיינעם. אונ איך וועל שוין זעהן וואס צו טוהן. דער רב איז פון דארט געגאנגען אין איין באזונדער חדר אריין דאווענען מנחה. אונ האט פארשלאסען דיא טיער נאך זיך. דיא געבעטינע מענטשען האבען געמיינט דאס נאך דעם דאווענען וועלען זייא באלד גיין צו דער חופה.

כהתיכו להתפלל. ווי דער רב האט אפ געדאווינט האט ער געהייסען די משמשים זייא זאלען איין זאמלען דיא געמיינע לייט פון דער שטאדט. טרעגערס. אונ וואסער טרעגערס. זייא זאלען היילען באלד צו קומען אין זייערע ארבייט קליידער. ווארין דער רב וועט מאכען איין סעודה פאר זייא פאר דיא חופה.

דיא משמשים האבען זיך פארשפרייט אין אלע גאסען פון דער שטאדט. אונ זייא האבען איין געזאמלט איין ערך פון צווייא הינדערט מענטשען זייא זענען געקומען מיט גרויס פרייד אין רב'ס הויז אריין. דאט זייא דער רב אריין געזעצט אין אלע שענסטע שטובען וואס ער האט גרייט געמאכט פאר דיא גבירים ער האט זייא געהייסען געבען אלע בעסטע עסנס אונ אלע בעסטע ווייגען. אונ דיא כלי זמרים האבען שוין געשפילט. אונ ר' נפתלי איז ביי זייא געשטאנען. דיא זאך איז אגרויס וואונדער געוועזן ביי דיא בכבודה פון דער שטאדט אונ וויא זייא האבען אב געבענטשט ברכת המזון. האט דער רב צו זייא געזאגט איך וויל פון אייך בעטען איין זאך. צוא וועט איהר מיר ניט פארזאגען האבען אלע געענטפערט מיט איין ווארט. מיט אונזערע

לייבער

ליבער און געלד וועלען מיר זעהן צו דערפילען אייער גיבעט. האט דער רב צו זיא געזאגט היילמיך און גייט צו דער חופה. און איהר זאלט ארום רינגלען די חופה איידער עס וועט איינער צוא גיין. און איהר זאלט גיט ארונטער לאזען אונטער דיא חופה גאר חתן כלה און דיא אונטער פירערס און נאך מענטשין וואס זענען גייטיג. און חוץ דיא מענטשען וואס איך האב אייך געזאגט זאלט איהר אפילו איין אלטען אדער איין בכבודן אויך ניט צוא לאזען. און עס וועט קומען ווייא דער מברך וועט גומר זיין דיא שבע ברכות, וועט דער חתן שרייען ער וויל זיך כופר זיין באלהי ישראל און וועט לויפען מיט שטארקייט פון דער חופה דעמאלט זאלט איהר איהם חאפען מיט שטארקייט און פעסט האלטען אהן דערבארימקייט. און איהר זאלט איהם נעמען און אריין װארפען אין מיין קעלער אריין. און דארט זאלט איהר שטיין בייא דער טיער פון קעלער. ער זאל נישט קענען אנטלויפען. אויך בייא דעם פענסטער פון קעלער זאלין שטיין פופציג פון אייך. אפשר וועט ער וועלין פון דארטין ארויס גיין זאלט איר איהם צוריק אראפ שטופין אן ערבארימקייט. נאר דאס בעט איך אייך אז איהר זאלט דאס פיר קיין מענטש דער ציילין. האבן זייא דעם רב געענטפערט איר זאלט אייך גאר ניט פארכטען. מיט אלע אונזערע כחות וועלען מיר איהם ניט לאזען אנטלויפען. און ער האט געהייסען גיין צוא דער חופה. און דיא אלע לייט זענען שוין דארטען געשטאנען. און זייא האבען ניכט צוא געלאזט קיין שום מענטש נאענט צוא דער חופה. זייא האבען געשלאגען פיל בכבודע מענטשען מיט דיא פויכט און ר' נפתלי האט דאס אלעס צו געזעהן און האט גאר נישט גירעט. דיא זאך איז געוועזן איין גרוס וואנדער בייא דעם פאלק:

און עס איז געוועזען ווייא דער מברך האט גומר געוועזען דיא ברכות, האט דער חתן אן געהויבען צו שרייען מיט איין קול. און האט געזאגט איך וויל זיין איין כופר באלהי ישראל. און דאמט פון זיך אראפ געווארפען דיא מלבושים און האט געוואלט אנטלויפען. האבען איהם דיא מענטשין געהאפט. און האבען איהם גענומען מיט גרויס שטארקייט. און האבען איהם אוועק געטראגען און האבען איהם אריין געווארפען אין קעלער אריין. זייא האבען פאר שלאסין דיא טיער נאך איהם. און פופציג מענטשין האבען זיך געשטעלט בייא דעם פענצטער פון דעם קעלער. זייא האבן איהם שטארק גיהיטען און ער האט גישריען מיט איין קול. איך וויל זיין איין כופר באלהי ישראל. און ער האט געוואלט דיא טיער צו ברעכן נאר ער הט נישט גיקאנט. דער נאך האט ער גענומען דיא כלים וואס זענען גישטאנען אין קעלער און הט זייא צו זאמען געשטעלט איינס אויף דעם אנדערין. ער איז ארויף ביז דעם פענסטער. און הט געוואלט ארויס גיין. האבין זייא עס אשמוס אראפ געגעבין איז ער אינטער זיך געפאלען אז ער האט זיך דיא ביינער צוא בראכין. און. אין דיא שטאדט איז גיוועזן אגרויס גיוויינעריי אויף דיא זאך וואס האט געטראפען צו ר' נפתלי. אויך ר' נפתלי הט גימערט תפלות צו השי"ת מיט איין הארץ. אז ער זאל כבי"ל זיין דיא גזירה וואס איז נגזר גיווארען אויף דעם חתן דארך איהם זעלבערט. און דיא מענטשין וואס זענין געשטאנען בייס קעלער זענען אלע רגע גילאפען צום רב און האבין איהם דערציילט דאס ער שרייעט אן איין אויף הערונג אז ער וויל כופר זיין (באלהי ישראל) און ער האט דיא ווייטער געהייסען היטען דעם קעלער אז ער זאל ניט ארויס. וויא עס איז געקומען האלבע נאכט, האט ר' נפתלי גענומען איין ליכט. אין זיין האנד. און איז גיגאנגען זעהן וואס ער טוט. דאס ער גיזעהן דאס ער ליגט בייא דער טיער. און זיפצט מיט איין ביטער הארץ און זאגט אוי. אוי. הט דר רב גיהייסן מען זאל איהם אריין נעמען אין זיין חדר אריין. און מען האט איהם גיהייט מיט מעדעצינען. און עס איז אראפ פון איהם דיא אלע ווייגע

בייזע

ביידע גידאנקען און צו מארגענס האט דער רב גימאכט איין סעודת חתונה . און דער חתן האט גיזאגט שטארקע דרשות . זייא האבען זיך אלע גיפרייט און דער חתן איז גיוועזן איין גאון כל ימי חייו :

## הרב ר' וועלוויל זבאריזר ז"ל

אין דער צייט ווייא ר' וואלף זבאריזר איז גיפארין פון לובלין דורך לעמבערג . ווען איהם גרויסע לייט אנטקעגין גיפארין , און צווישען זייא איז גיוועזן אגרויסער עושר . וואס ער איז גיקומען מקבל פנים זיין ר' וועלוועלן . אזויא קערט זיך ר' וואלף צו איהם און זאגט איך האב מיט דיר וויכטיגס צו שמועסן . דער עושר ענטפערט איך וועל הערין , דער צדיק זאגט איהם איך וועל דיר דערציילין א מעשה . עס איז גיוועזן צווייא ברידער אין אשטאדט איינער איז גיוועזן אגרויסער גביר . און איינער איז גיוועזן איין אביון , און דער עושר האט איהם גישטיצט וואס ער האט גידארפט אויף פרנסה . דער עושר האט זיך אמאל מיישב גיוועזן נאך וואס זאל איך מיין ברודער געבין קצבה , איך וועל איהם בעסער געבין איין גרויסע סומע געלד ער זאל זיך קענען אמשא ומתן מאכען , און פון דעם וועט ער פרנסה האבין .

בקיצור דער עושר דער נדיב האט דעם ברודער דעם אביון געליגען טויזענד דוקאטין און דער ארומאן האט זיך גימאכט איין משא ומתן און ער האט אנגיהויבין צוא באגליקן און איז גיגאנגען מעלה מעלה . און זיין ברודער דער גביר איז גיגאנגען מטה מטה ער איז גיווארין אין גרויסער ארומאן . דער דאזיגער האט זיך מיישב גיוועזן איך האב מיין ברודער געליגען טויזענד דוקאטין איך וועל זייא יעצט בייא איהם אפ נעמען , דער ברודער גייט צו דעם אויפגעקומענען עושר און ער מאנט איהם דיא טויזענד דוקאטין און ער דערציילט איהם זיין ביטערין שטאנד , אז ער איז איין ביטערער אביון , ער האט שוין נישט אויף קיין ברויט . און ער האט קיין שום מציאה בקום נאר דיא טויזענד דוקאטין וואס עס קומט איהם בייא איהם . דער ברודער אבער איז גיוועזן איין גרויסער אכזר ער האט איהם גאר ניט גיוואלט געבין . און ער האט איהם גילאזט לויפען טאג פאר טאג און ער האט איהם קיין שטיטצע ניט גיגעבען ביז ער איז געשטארבען פאר צרות פאר גרוס עניות און דחקות :

השי"ת האט דאס צו גיזעהן האט ער ניט גיקאנט שווייגען און מען האט באלד גערופען זיין ברודער צום בית דין של מעלה און מען האט איהם גימאכט איין ביטערין פסק , דער אנדערער ברודער דער נדיב איז גיקומען פאר דעם ב"ד של מעלה , און האט גיבעטין פאר זיין ברודער מען זאל איהם מוחל זיין דעם ביטערין פסק , ווארום ער איז עם מוחל דיא טויזענד דוקאטין , און ער וויל נישט אז ער זאל גישטראפט ווערין דורך איהם , דאס ב"ד של מעלה האבען ניט גיוואלט מוחל זיין בשום אופן , און האבען גימאכט אפסק אדער דער ברודער דער אכזר זאל אפ נעמען דעם גאנצין עונש וויא מען האט עם גיפסקינט , אדער דיא ביידע ברידער זאלין אויף נייא מגולגל צוא ריק ווערין אויף דעם עולם כדי דער אכזר זאל פארעבטין דעם גרויסען חטא . נאר ווייל דער גוטער ברודער וויל מוחל זיין קענען איהם דאדורך זאל ער זיין אויף דעם עולם אין נייעם גלגול איין ארום מאן , און זיין ברודער דער אכזר זאל זיין ווידער אגביר און ער זאל זיך אפ נעמען ביסליך ווייס דיא טויזנד דוקאטין . דער גוטער ברודער איז באשטאנען אויף דעם פסק ער זאל מגולגל ווערין איין אביון אבי זיין ברודער זאל אתיקון האבין :

בקיצור זייא זענען אויף נייא גיבוירען גיווארען , דער אכזר איז גיוועזן איין עושר גדול , און דער איז גיוועזן איין אביון גדול . אז ער האט נישט גיהאט קיין פת לחם

אין

אונ ער איז אוהם גיגאנגען אין דיא הייזער, ביז ער איז געקומען צוא דעם עושר וואס ער איז אין יענעם גלגול זיין ברודער גיוועזין. זייא ביידע האבין ניט געוואוסט אונ דער ארומאן האט גיבעטין דעם עושר אז ער זאל רחמנות האבין אויף איהם ווייל ער איז זייער קראנק ער גייט אויס פאר הונגער אונ האט זיך ניט מיט וואס צו דערהאלטין. דער עושר אבער איז גיוועזן איין אכזר אונ הט אים גילאזט ארויס ווארפין, אונ דער ארומאן איז גוט קראנק גיווארען אונ באלד גשטארבען:

דער ר' וואלף ווי ער האט דערציילט דיא מעשה, זאגט ער צו עהם דוא ביסט דאס דער רוצח דוא ביסט דאס דער אכזר, הערשט נעכטען האסט דוא ארויס גיווארפען איין ארומאן וואס ער איז באלד געשטארבען. דאס איז דיין ברודער גוועזן אין יענעם גלגול, וואס ער האט זיך אויף דיר דערבארעמט, אונ ער איז אויף כפייא געקומען אויף דעם עולם פון וועגען דוא זאלסט האבין איין תיקון. אונ דוא ביסט געוועזין איין אכזר פון אן הייב ביז צום סוף, נאך דעם איז דער עושר מבייש געווארין אונ ער האט גיקלאגט אונ גיוויינט, אונ דער צדיק האט עם ניט גיוואלט קוקען אין זיין פנים אריין אונ איז אוועק גיגאנגען פון איהם. השי"ת זאל אונז העלפין מיר זאלין רחמנות האבין איינער אויף דעם אנדערן אונ מיר זאלין גיהאלפען ווערין אמן:

הרב ר' וואלף זבאריזר ז"ל איז גיוועזן זייער גרויס. גרויסע לייט האבין אויף אים גיזאגט אז ער איז קעגין תורת כהנים דאס הייסט קעגין ספר ויקרא וואס שמועסט פון קרבנות אונ פון עבודת בית המקדש ער איז גיוועזן איין אוהב ישראל אז ער האט ניט גזעהן קיין שום שלעכטין ביי קיין שום יוד אונ ער פלעגט יעדען מענטש צו רופען צדיק, אפילו איין בעל עגלה אטרעגער פלעגט ער רופען צדיק, עס איז אמאל געקומען זיינס אחסיד צוא איהם וואס ער פלעגט אים זייער מקרב זיין, אונ ער האט זיך גיקלאגט אויף איינעם אז ער טוט איהם זייער פיל שלעכטין, אזויא האט ער גיבעטין דעם רבי אז דער דאזיגער זאל האבען איין מפלה. כדי ער זאל אויף גירעכט ווערין, ר' וואלף ענטפערט עם בתמימות. וואס מיינסטו אז דער דאזיגער יוד ווייל ער איז ניט פון מיינע חסידים האב איך ניט ליב גלייך מיט דיך חס ושלום איך האב אלע גלייך ליב ביי מיר איז אהבת ישראל גלייך צו אלע קינדער נוא פאר וואס זאל איך חלילה דעם דאזיגען שעלטען:

אמאל האט זיין ווייב דיא רבנית זיך געקריגט מיט דיא דינסט, אונ זיא האט זיך אנגעטיהן צו גיין האבען אדין תורה מיט דער דינסט. זיא זאל איר באצאלין דיא שאדענס וואס זיא האט גיטוען, וויא ר' וועלוויל זעהט אז דיא רבנית גייט האבען אדין תורה, אזוא האט ער זיך אן געטוען אז ער זאל אויך גיין צום רב האבין דיא דין תורה. דיא רבנית זאגט צו איהם רבי גייא דוא ניט עס איז ניט שיין פאר דיר דוא זאלסט גיין, איך וויים אליין וואס צו טאהן. ענטפערט איר ר' וועלוויל גיין מיין ווייב איך גייא ניט פון דיינעט וועגין צום רב איך גייא פון דר דינסט וועגין זיא איז געבעך איתומה זיא ווייסט ניט וואס צוא טאהן איך וועל פאר דיא ארימע יתומה טאהן, עס איז אמצוה זיך אנצונעמען פאר איתומה אזויא וויא עס שטייט אין פסוק אם אמאס משפט עבדי, איוב האט גיזאגט איך האב ניט גיטאן פר אייטלען דעם משפט פון מיינע דינסטען. פון דיא צוויא קליינע מעשיות קענען מיר זיך גענוג מוסר ארויס נעמען וויא ערליך מען דארף צו זיין אז עס דארף חלילה ניט צוא זיין קיין חילוק ביי קיין שום מענטשין סייא איין דינסט סייא איין ברודער סייא איין פרעמדין מען זאל אלע גלייך ליב האבען אונ נאר אין דעם זכות וועלין מיר גיהאלפען ווערין:

אויך האט זיך דער צדיק גיהיטין אז ער זאל ניט קיין שום מענטש מבייש זיין

אונ

און אמענטש זאל ניט דורך איהם פארשעמט ווערין. ער האט זיינע תלמידים אזויא גילערינט. זייא זאלין גוט און שטיל זיין בעלי ענוה ושפלות רוח. עס האבין זיך בייא איהם אין שטוב צווייא מענטשין געקריגט. און איינער איז גיוועזין זייער אין שלעכטער. אזוי זענען אלע מענטשין צו גיגאנגען צו איהם רעדין אויף דעם שלעכטען. ר' וואלף ענטפערט זייא בייא מיר זענען זייא ביידע גלייך ווער קען זיך אריין לייגען צווישען צווייא צדיקים:

אמאל איז ער גיפארען מיט איין בעל עגלה אויף איין ברית מילה אום ווינטער און דיא קעלט איז גרויס גיוועזין. און וויא דער צדיק איז אריין גיגאנגען צום ברית מילה און האט זיך דארטען פאר זאמט. האט ער זיך דערמאנט אז דער בעל עגלה שטייט אויף דיא קעלט און ווערט גיפרוירען אזוי איז ער ארויס גיגאנגען צום בעל עגלה און זאגט מיין קינד גייא אריין אין שטוב און ווארעם דיך אן ווייל עס איז קאלט. דער בעל עגלה ענטפערט איהם. איך קען ניט דיא פערד מיט דעם וואגען אליין לאזען מען קאן נאך זייא צו גנבנן. ענטפערט ער איהם גייא אריין אביסעל און ווארעם דיך אן איך וועל דא שטיין אביסעל אכטונג געבין אויף דיא פערד מען זאל זייא ניט צוא גנבנען. דער בעל עגלה וויל אבער ניט בשום אופן ער זאגט וויא קען איך אייך לאזין שטיין בייא דיא פערד. ער האט אבער איהם שטארק מפציר גיוועזין. און ער האט געשיקט דעם בעל עגלה אין שטוב אריין זיך אן ווארמען. דער בעל עגלה אז ער איז אריין גיגאנגען האט ער נאר פארגעסען אז ער האט גילאזט עס שטיין אויף דיא קעלט און הט זיך גיזוימט אין שטוב. דער עולם אבער הט אן גי-ויבין צו קלערין וואס זאמט זיך דער רבי אזוי לאנג. זייא האבען גימיינט אז ער איז גיגאנגען נקיות האבען. נאר עס איז שוין אבער זייער לאנג וואס קען דאס זיין. זייא זענען גיגאנגען אויף דער גאס ארויס. זעהן זייא דעם צדיק שטיין בייא דיא פערד אויף דיא קעלט און ציטערט פאר קעלט זייא פרעגין איהם וואס שטייט איר דא. ער ענטפערט זייא בתמימות איך בין ארויס גיגאנגען איך זאל דעם בעל עגלה אריין שיקען אין שטוב זיך אן ווארמען אביסיל. איך בין גיבליבען בייא דיא פערד איך זאל אכטונג געבין מען זאל זייא ניט אוועק גנבנן. און דער בעל עגלה איז נאך ניט ארויס געקומען. פון דיא קליינע געשיכטע קען מען לערנען וויא ווייט עס בעדארף זיין דאס רחמנות פון איינעם אויף דעם אנדערין ניט מיט געלד אליין נאר מיט דעם גוף וואס מען קען יענעם אטובה טוען מוז מען טוען ובזכות זה וועלין מיר בוודאי געהאלפען ווערין במהרה בימינו אמן:

## ר' ברוך ממעזיבוז ז"ל

עס איז אמאל גיוועזין איין עת צרה גדולה אויף יודין ר"ל איז דיא גאנצע וועלט גילאפען צו ר' ברוך ז"ל אין מעזיבוז. ער זאל השי"ת בעטין אז יודין זאלין גיהאלפען ווערין. אזוי זאגט ר' ברוך פארט אין איין דאריף אריין. עס איז פון דאנען עטליכע מייל. און זוכט אפ איינעם וואס הייסט אזויא און אזוי און האט זייא אן גיזאגט הזהר והזהר דעם מענטש אפ צו זוכען ער האט איהם גוט באצייכונט מען זאל איהם קענען אפ זוכען און האט זייא גיזאגט. ניט אפ צוטרעטין ביז וואנען ער וועט מיט זיין מויל זאגן. השי"ת זאל אפ טוען דיא בייזע צרה פון אייך.

דיא מענטשין זענען אוועק גיפארען פון דעם ר' ברוך ז"ל. האבען זייא בייא זיך גיטראכט בלי ספק איז דער אגרויסער מאנן אצדיק מפורסם אז דער רבי מוז הערשט צוא איהם שיקען. ער זאל גוזר זיין מען זאל העלפין מן השמים. נוא וויא זייא זענען געקומען אין שטאדט אריין האבין זייא גיפרעגט ווא זיצט דער צדיק וואס ער הייסט

מיט זיין נאמען אזויא גאר קיינער האט ניט גיוואוסט וואס צו ענטפערין . מען האט זייא געזאגט אין דיא שטאדט וואהנט ניט קיין צדיק . ער זאל אזוי הייסען , דיא משולחים האבין זיך זייער פארוואונדערט . זייא האבען געוואוסט אז דער צדיק רעט ניט שקר חס ושלום . עס איז געוויס אמת . נאר דאך ווייסען זייא ניט וואס צו טוען אזוי זענען זייא גיגאנגען פרעגין אויף איין מענטש מיט דעם נאמען אויב עס געפינט זיך אין שטאדט . אונ זייא האבען רעכטיג געפונען איינעם וואס ער האט זייא גיזאגט . איך קאן דעם דאזיגען מענטש ער איז איין גרויסער שיכור צו וואס נוצט אייך דער שיכור ער ליגט שיכור שטענדיג ער דאווינט ניט אונ טוט גאר נישט . ער טרינקט שטענדיג ער ווייסט ניט וואס עס טוט זיך מיט עם . דיא משולחים זענען גיגאנגען אהיים צוא איהם אונ האבען גיפונען אויף איהם , אונ האבען דערציילט זיין ווייב אז ר' ברוך האט געשיקט צו איהם . זיין ווייב ענטפערט מיינע ליבע יודין וואס מאכט עטץ מיך צוא נעלעכטער עטץ זעהט ער איז אשיכור וואס האט דער רבי צו איהם צושיקען , דאס ווייב דערציילט זייא זיין ההנהגות . אז ער איז אמאל גיוועזן איין גרויסער עושר . אונ צייט ער האט זיך גענומען צום שיכרן איז ער גיווארין זייער ארום . אונ זיין שטייגער איז וויא ער שיכורת זיך אן ליינט ער זיך שלאפען אונ וויא ער כאפט זיך אויף שיכורת ער ווידער ביז ער ליגט ווידער שיכור אונ ער פירט שוין אזוי עטליכע חדשים . אז איר דארפט מיט איהם רעדען , מוזט איר ווארטען ביז ער כאפט זיך אויף . אין דיא רגע איידער ער טרינקט ווידער , זאלט איר מיט איהם רעדען . ווארום אז איר וועט אוועק גיין , דער וויל וועט ער זיך נאך אמאל אן שיכרן . אונ איר וועט ניט האבען מיט וועמען איין ווארט צו רעדין :

דיא מענטשין האבען זיך זייער געוואונדערט אויך האבען זייא הזכר ודורש גיוועזן אויף זיינע מנהגים פון לאנג , איידער ער איז איין שיכור גיווארען . נאר זייא האבען דארונטער ניט גיהערט קיין דבר טוב . אז זייא זאלען פאר שטיין דער פון , פאר וואס ער קען פועלן ישועות מן השמים , נאר אבער זייא דורך זייער גרויס אמונה אן דעם ר' ברוך ז"ל . האבען זייא איהם געהיט זייא זאלען איהם זעהן ער זאל זאגען דיא ווערטער וואס ר' ברוך האט אן גיזאגט , זייא האבען זיך דער ווארט אונ דער שיכור האט זיך אויף גיכאפט , אונ וויא ער האט זיך אויף גיכאפט , האט ער גיכאפט איין פלאש בראנפען צו טרינקען . האבען דיא משולחים איהם אן געהאפט ביי דיא האנד . אונ האבען צו איהם געזאגט אז ר' ברוך ז"ל האט צו איהם געשיקט אז ער זאל זאגען אז דיא ביטערע גזירה זאל אויף הערין פון יודין . דער שיכור זאגט איך וועל נאר צום ערשטען אביסעל בראנפען טרינקען . דיא משולחים זאגען צו איהם מיר טרעטען דיך נישט אפ אונ מיר וועלין דיך נישט לאזען טרינקען ביז דוא וועסט נחר זיין אז מען זאל שיקען דיא ישועה מן השמים :

דער שיכור האט זייא געזאגט השם יתברך מיט זיין גרויס רחמנות זאל אפ טוען דיא בייזע צרה פון אייך אונ לאזט מיך רוען . זענען זייא הבף צו ריק געפארען קיין מעזיבוז אונ זייא האבען באצייכענט דיא שעה ווען דער שיכור האט ארויס גיזאגט דיא ווערטער , האבען זייא געזעהן אז אין דיא זעלבע רגע וויא דער שיכור האט ארויס געזאגט זענען זייא געהאלפן געווארען , אזוי איז דאס ביי זייא גיוועזן איין פלא גדול זייא האבען ניט פערשטאנען וואס דאס איז :

זייא זענען געקומען צום היילגען צדיק ר' ברוך ז"ל אונ האבען איהם געזאגט רבי , דיא זאך איז ביי אונז אפלא דער דאזיגער איז אשיכור גדול . איין גרויסער בזוי , מיר האבען געפרעגט זיינע התנהגות פון אצונד אונ פריער . האבען מיר ניט געפינען

קין

קיין דבר טוב כמעט קען ער ניט באהאלטען, און ער באווייזט ניט. צום סוף האבען מיר געזעהן די וואונדערליכע זאך, אזו ווי ער האט ארויס געזאגט אזוי איז געווארען וואס איז דאס:

ר' ברוך זאגט צו זייא איך וועל אייך דערצייהלין דעם כח פון א מצוה. דער מענטש איז געוועזען א גרויסער סוחר ער האט גיהאט א גרויס געוועלב מיט סחורה. און איז געווען אשיינער מענטש וואס מען זעהט נישט אזוי געשווינד. אמאל איז ער געקומען צו איין פוילישע גרעפין זיא איז געוועזען איין אלמנה. וויא זיא האט איהם דערזעהן, איז ער איר געפעלין געווארען ווייל ער איז זייער שיין געוועזען. די גרעפין זאגט איהם איך וויל דיך נעמען פאר א מאן וואס טויג דיר דיין ווייב. איך בין א גרויסע גרעפין. אלע מיינע שטעדט אונד דערפער וועלכע האבין דוא וועסט האבען כבוד פון פיל טויזענט מלוכה זייא וועלין דיך האלטען וויא א גראף. און דוא וועסט נאך זיין גרעסער פון זייא דורך דיין גרויס חכמה:

דער מענטש האט די גרעפין צו געזאגט אז ער זאל זיא נעמען נאר בזה האופן זיא זאל צום ערשטען מאכען איין גרויסען באל. זיא זאל צו זאמען רופען פיל גראפען און פירשטין כדי זייא זאלין איהם קענען פאר א גרויסען גראף. די גרעפין זאגט איך וועל אזוי טוהן. און זייא האבען בעשלאסען איין טאג ווען דער באל וועט זיין זייא זאלין זיך ביידע מקבל זיין אויף דעם טאג:

בקיצור דער שיכור האט זיך מכין גיוועזין ער זאל נעמען די גרעפין פאר איין ווייב. ווארום ער האט זייער געוואלט דעם כבוד המדובה בהבנא ליצלן. נוא דעם טאג איז ער געקומען צו דער גרעפין אין הויף אריין און עס איז גיוועזען גרויסע שררות אויף דעם באל. די גרעפין מיט דעם שיכור מיט די אלע שררות האבען זיך זייער אונטער גיהאלטען אגאנצע טאג און אגאנצע נאכט ביז עס איז טאג גיווארען. אין דער פריא איז ער ארויס גיגאנגען אין הויף אן קוקען אלדינג וויא איין בעל הבית איבער זיינס. אזוי האט ער גיזעהט קרעטשין און זיצין פון פיל מענטשין. איז ער צו גיגאנגען און האט זייא גיפרעגט. האבען זייא איהם גיענטפערט זייא זענען יודין מען האט זייא איין גיזעצט פאר ארענדע פון דער ארענדע וואס זייא האבען ניט גיהאט צו געבין די גרעפין. און זייא זיצען שוין לאנג אין דער תפיסה און מען וויל זייא דערטרענקען בחנם:

דער מענטש האט שטארק רחמנות געקריגען אויף זייא און איז אריין געלאפען צו די גרעפין זאגין אז אין דעם טאג פון זייער שמחה וויל ער ניט הערין קיין זיפצען און קרעכצין. נאר זיא זאל ארויס לאזין די אלע שבוים פרייא אן געלד. די גרעפין זאגט דוא קענסט טוהן וויא איבער דיינעם ווייל אלעס קערט צו דיר פון אצונד אן. אזוי האט ער גענומען פערד און וואגין. און האט די שבוים איף גיזעצט אויף די וועגין און האט זייא בשלום אהיים געשיקט. און האט זייא מיט גיגעבין צידה לדרך זייא זאלען האבען אויף דעם וועג פון וואנעט צו לעבין:

נוא וויא דער דאזיגער האט געטוהען די גרויסע מצוה פדיון שבוים אז ער האט מציל גיוועזען יודישע קינדער פון טויט. אזוי האט אן גיהויבין די מצוה איהם צו ברענגן נאך צו א מצוה. און האט אן גיהויבין זיך מיישב צו זיין וואס וועל איך דא טוהען מיט די גרעפין אזא עבירה. ער האט גענומען איין וואגען מיט פערד. און איז אנטלאפען פון דארטען און איז ניט נכשל גיווארען אין די עבירה. נוא וויא ער האט געטוהען צוויא אזעלכע גרויסע מעשים טובים. ערשטענס די מצוה פון פדיון שבוים וואס ער האט נאכט מציל גיוועזען עטליכע יודישע נפשות פון טויט. צווייטענס די תשובה שלימה

וואס ער האט געזען אויף דעם זעלבין ארט מיט דער זעלבער אשה אז ער איז חלילה געשט נכשל געווארען אזויא האט מען געמאכט איין פסק ביים בית דין של מעלה . אז וואס ער וועט פערלאנגען זאל מען איהם הערין און מען זאל פאלגין אלע זיינע גזרות :

געמאלט איז געווארען א גרויסער רעש און דיא פמליא של מעלה און דער מדת הדין האט אויף איהם מקטרג געוועזן דורך זיינע איבריגע התנהגות . אז ער זאל ווערין אשיכור כדי ער זאל ניט וויסען וואס מען דארף אויף דעם עולם מבטל צו זיין דיא גזרות פון ב"ד של מעלה

ר' ברוך פירט אוים און זאגט זייא עס איז באמת איין סכנה גדולה צו גיין צו איהם ער זאל מבטל זיין דיא גזרות פון ב"ד של מעלה חלילה . נאר אבער דאס איז א צרה גדולה וואס רירט אן דעם כלל ישראל איבער דעם האב איך געמוזט שיקען צו איהם . פון דיא מעשה קען מען וויסען וויא גרויס דער כח איז פון א מצוה אז מען קאן פועלין אלדעם גוטס פון השי"ת :

## אבעל תשובה

מעשה . אין א שטאדט איז געוועזן א רשע ער פלעגט דיא גאנצע שטאדט ליים אוים רייסען ער איז געוועזן א גרויסער חשוב ביי דעם פריץ פון דער שטאדט נאר דער רשע פלעגט מורא האבין צו גיין אליין אין שטאדט ווארום ער האט ניט געהאט איין גוטען פריינד אין שטאדט דורך זיין רשעת. האט איהם דער פריץ געגעבין צווייא היידוקין זייא זענין מיט איהם תמיד געגאנגען ווי אהין ער פלעגט גיין. אמאל האט דער רשע אוים געטראכט אפאלש רשעת וואס ער האט געוואוסט אז ביי דעם פריץ וועט זיא זיין זייער אן גענומען ער וועט איהם געווים רייך מאכען פר דעם רשעת ער האט תיכף געשפאנט דיא פערד און איז געלאפין צום פריץ און דיא היידוקין מיט . וויא ער איז געפארין א מייל איז געוואורען שפעט . און צו דעם פריץ איז נאך געוועזין א האלבע מייל צו פארען האט זיך דער רשע געשטעלט אין קרעטשמע דאווינען מנחה . נוא האט ער זיך געשטעלט שמונה עשרה . און אז ער איז געקומען צוא סלח לנו אבינו כי חטאנו איז איהם אריין געפאלין אין זינען אריין וואס מיט זיך מיט איהם ער פארט טוען א זייא עבירה . נוא מיט וואס פאר אפנים זאגט ער סלח לנו אבינו כי חטאנו איז טייטש פאר געב אונז אונזער פאטער וואס מיר האבען געזינדיגט . און ער פארט דאך הערשט זינדיגען :

בקיצור ער האט אן געהויבען אריין צו קלערין אין דרינען האט ער דערזעהן אז ער איז גאנץ ווייט פארקראכען . האט ער געוויינט און גיקלאגט . און האט אויף זיך מקבל גיוועזן אז ער וועט שוין מיין ניט טוען קיין רשעת . און האט אויף זיך מקבל געוועזן אז אפילו דער פריץ זאל איהם צו שניידין אויף שטיקער זאל ער אויך יודען קיין שלעכטץ ניט טוען . און האט רעכט תשובה געטוהן בשעת מעשה . דער נאך האט ער גידאווינט גאנץ שמונה עשרה מיט געוויין . וויא דיא היידוקין האבען געזעהן אז ער שטייט און וויינט האבען זייא געמיינט אז ער איז שיכור . זייא האבען גיפרעגט אין קרעטשמע . זאגט מען זייא אז זייא האבען קיין בראנפין עהם גיגעבין . זייא האבין איהם גערופין און ער האט ניט גיענטפערט . זייא זעהן אז ער וויינט און קלאגט . האבען זייא גיווארט ביז וואנען ער איז אויס גיגאנגען שמונה עשרה . נאך דעם זאגען זייא צו איהם וואס איז מיט דיר געווארין ער ענטפערט זייא מיר טוט וויא דער קאפ

איך וויל מיך אודם קערין אהיים . זאגען זיא זיין עס כמו עפעס זיין עס זייז ניט אום זיסט דוא כוכט מיט אונז מיט פאהרין צום פריץ דארט וועסט דוא זאגין דיינע רייד . ער האט זייא געוואלט עפעס שענקען מתנה , אבער זיא האבען בשום אופן ניט געוואלט זייא האבין איהם אפ געפירט צו דעם פריץ :

ווייא ער איז געקומען צו דעם פריץ , פרעגט איהם דער פריץ וואס הערט זיך נייעס , זאגט ער איך האב קיין שום נייעס איך וויל ביא דיר קויפען ווייץ , דיא מענטשין זאגין אבער דעם פריץ ער איז מיט אונז ארויס גיפארין האט ער אונז גיזאגט אז ער האט צו זאגען דיר איין סך נייעס , אונ דער נאך האט ער זיך געשטעלט באוועגען אונ האט גיקלאגט , אונ גיוויינט . ער האט זיך גיוואלט אודם קערין אהיים זייא האבען איהם דערציילט דיא גאנצע מעשה נוא וויא דער פריץ האט דאס גיהערט איז ער אין כעס גיווארען ער האט איהם געשלאגין ער זאל זאגין דעם אמת , ער האט אבער צו גענומען אלע קרעפ אונ האט ניט קיין ווארט גזאגט . דער פריץ האט געפריווט מיט גוטען אונ מיט בייזין . דער יוד האט איהם אבער ניט געוואלט זאגין , דער פריץ האט איהם געהייסין געבין פופציג שמעקינס , ער האט דאס אויך צו גענומען אונ האט קיין ווארט ניט גירעט , האט איהם דער פריץ געהייסין ארויס ווארפין , אונ דיא הידוקין וואס זענען מיט איהם געפארען האט ער זייא געהייסין דא בלייבין , מען האט דעם יוד ארויס געווארפין . ער האט זיך קוים ארויף גיזעצט אויף זיין וואגין , אונ איז געפארין אהיים . ער האט זיך זייער געפרייט . וואס ער איז אויס גישטאנען ביא דעם נסיון :

נוא וויא ער פארט צפ אהאלבע מייל הערט ער אטעמערליך גישרייא אין וואלד מען שרייט ראטעוועט מיך איז ער גיפארין נאך דעם קול נאך , האט ער געזעהן איין נאקעטע יודענע שטייט אונ שרייט מיט אלע כוחות , ער פרעגט זיא וואס איז איך , ויא זאגט איהם , איך בין געפארין מיט מיין מאן אהער , ווארום ביא אונז אין דארף איז ניט דא קיין מקוה . בין איך אהער גיפארען אין דעם טייך זיך טובל זיין , נוא איך האב מיך אויס געטיהן אויפען שליטעל אונ בין אריין אין פאלאנקע דער וויל איז אנגלאפען דאס פערד מיט דעם אנטהין אונ היין מאן איז געלאפען חאפין דאס פערד , דער נאך בין איך אויך ארויס גילאפין דער נייל בין איך פארבלאנזעט גיווארן , אצינד בין איך שוין דערפרוירין דער יוד רעכט אונ ווארפט אראפ דעם שאפין פעלץ אונ טוט אן דער יודענע , און זעצט זי אויף , אויף זיין וואגין , און פירט זיא גלייך צו איר אהיים , ער האט געוויסט דעם וועג אין דארף אריין און דער נאך איז ער געפארין אפ זוכען איר מאן , און זאגט אים אן אז זיין ווייב איז שוין אין דער היים . האט ער זיך דער פרייד , אונ האט איהם גידאנקט , און זעען זיך צו פארין איטליכער צו זיין היים :

אונ וויא דער בעל תשובה דער רשע איז געקומען אהיים איז ער באלד קראנק געווארען זייער שטארק . אין שטאדט האט קיינער ניט געוואוסט וואס מיט איהם האט זיך געטוהן . נאר וויא מען האט דער הערט אז דער רשע איז קראנק . איז געווארין אשכיתה אין דער גאנצער שטאדט . ווארום דער רשע פלעגט זייא שלעכטס טאן . דיא שטאדט לייט האבען גימיינט ער וועט שטארבין וועלין זייא זיך צו איהם נעמען זיין אונ וועלין איהם אן טאן בזיונות :

עס האט געדויערט ביז פאר נאכט איז ער גישטארבען , דער רב פון דער שטאדט איז גיוועזן איין גרויסער צדיק האט ער ניט געוואלט ליידען . אז מען זאל

האבען צו טוהן מיט דעם רשע און האט געשיקט זאגען אין שטאדט אז קיינער זאל זיך ניט דער וויגען קיין שום זאך צו טוהן דעם רשע. און מען האט איהם געמוזט פאלגען, נאר צו דיא לויה איז גיגאנגען דיא גאנצע שטאדט. אין שטאדט האט מען געדאנקט גאט וואס מען איז פטור גיוואוין פון איהם:

אויף מארגען איז געקומען דער מאן פון דער יודענע וואס דער רשע האט זיא נידערגעטרעטען. און האט גיפרעגט דעם רב א שאלה צו מעג ער וואוינען מיט זיין ווייב. ווייל זיא איז גיוועזען בייא נאכט אליין מיט דעם רשע. און ער איז איין כהן. האט ער מורא אויב דער רשע האט זיא ניט מטמא גיוועזען, ווארום ער איז גיוועזען איין חשוד אויף דיא אלע עבירות:

נוא דער רב האט זיך גאר קיין עצה ניט גיקענט געפינען וואס צו ענטפערן איהם. האט ער גימאכט א שאלת חלום כמה דער אשה מען זאל איהם ענטפערן מן השמים צו איז זיא מותר לבעלה. האט מען איהם מן השמים גיענטפערט אז זיא איז מותר לבעלה. און מען האט איהם גיזאגט אז פאר דעם וואס ער האט תשובה געטוהן ערינסט האט מען איהם באשערט איין מצוה פון פקוח נפש. נאר מען האט מורא געהאט אז ער זאל ניט קאליע ווערין. האט מען מקרב גיוועזען זיין פטירה גלייך אין גן עדן:

---

הרב מהור"ר שניאור זלמן פון לאדי ז"ל. ער איז געוועזען איין תלמיד מובהק בייא ר' בער ז"ל. און וויא ר' בער ז"ז געשטארבען, איז ער גיפארין להרב ר' מענדיל וויטעפסקיר ז"ל בתורת תלמיד. און וויא ר' מענדעלע ז"ל איז גיפארען קיין ארץ ישראל. איז ר' זלמן ז"ל מיט געפארען מיט איהם. נאר וויא זייא זענען געקומען קיין סטאמבול. איז געקומען צו ר' זלמן ז"ל איין גרויסער מאן פון דארטין וואס ער איז שוין כמה שנים אויף דעם עולם האמת. און האט איהם גיזאגט אז ער זאל פארין אהיים און זאל דארטען זיין א רב. ער זאל לערנען דיא דרכי ה' ב"ה מיט דיא לייטען. ווייל עס איז אצונד געקומען דיא צייט דער פון. און אויב ער וועט ניט וועלין וועט ער שטארבען. ר' זלמן ז"ל האט דאס דער ציילט זיין רבין ר' מענדעלע ז"ל דיא ווערטער אזויא האט ער איהם גיבענטשט און גימאכט פאר איין רב. און ער איז געקומען צו ריק צו פארין, און דיא גאנצע וועלט איז געקומען צו איהם הערין זיינע דרכי העבודה:

אין דער שטאדט לאדי. האט געוואוינט א געוויסער מאן, ער האט גיהייסען ר' ברוך. איז איהם אויף זיין עלטער צווייא זין גיבארין גיווארין, האט ער איינעם גערופין שניאור זלמן, און דעם אנדערין יהודה לייב. דיא צווייא קינדער זענין אויף גיוואקסין. האט מען דערקענט וואס פאר אזעלכע קינדער דאס זענין, דער שניאור זלמן האט זיך אויס גיצייכינט אין לערנען אויך אין שיינע חכמות מער פון אנדערע קינדער. און אין זיין דור איז קיין גלייכען צו איהם גיוועזין, אז ער איז אלט גיווארען אכטצעהן יאהר. האט ער גילערינט גאנץ ש"ס און פוסקים און מפרשים, און האט זייא גיקענט אויסין ווייניג כמעט. דער צווייטער וואר אויך איין גרויסער למדן מופלג ער האט מחבר גיוועזין דאס ספר שארית יהודה אויף מליצה אין אקורצע צייט איז דער פאטער פון דיא צווייא טייערע קינדער געשטארבען, און זייא זענען איבער געבליבען גאנץ ארומע יתומים. נאר דאס ארימקייט האט זייא ווייניג גערשאט, ווייל זייא זענען געווען אבין געטוהן אין דיא הייליגע תורה, האבען זייא ווייניג פון דער וועלט גיהאלטין יא עסען ניט עסען,

זייא

זייא זענען מיט דיא וועלט ווייניג מחותנים געוועזן, אין דיא צייטן איז צו שפרייט געווארן אויף דער וועלט דער שם פון מגיד ממעזריטש, אונ עס האט זיך געטאן הערין אויף דער וועלט פון זיין חכמה אונ גדולה. האט הרב שניאור זלמן חשק געקריגען צו איהם צו פארין אונ פון איהם תורה אונ חכמה צוא לערנען נאר עס איז איהם שווער אן געקומען ווייל ער איז געווען גאנץ ווייט פון איהם. אונטער דיא צייט איז אין וויטעפסקער גובערניע גיוועזן איין גרויסער עושר. האט ער זיך מיט איהם משדך געוועזן, אונ זיינע ווענין איז נאר גיוועזן פאר קאבט אין הייליקייט צו לערנען טאג אונ נאכט. דער סוף איז געוועזן ער האט אלעס געלאזט שטיין אונ איז געפארען צום מגיד קיין מעזריטש. אונ דארט האט ער אלץ גרינדליך געלערנט. ער האט קונה שליטות גיוועזן פיל מער וויא ביז אהער:

אצונד וועלן מיר דערציילען וואס עס האט זיך געטראפען מיט ר' שניאור זלמן אין מעזריטש:

מיר וועלן דעם לעזער ניט פיל באמיהען אין אלע זאכען אונ מעשיות. פון דאס גרויסקייט פון דעם צדיק ז"ל דען עס איז ניט מיגליך ארום צו שרייבן. מיר וועלן נאר באשרייבען דיא מחלוקת וואס עס איז ארויס געקומען צווישען דיא תלמידים פון דיא צוויא גרויסע צדיקים. המגיד ממעזריטש. אונ הגאון ר' אליהו ז"ל מווילנא:

עס האבען זיך געפונען שלעכטע מענטשין, וועלכע האבין פאר דעם גאון ז"ל מווילנא שלעכטס גירעט אויף דיא תלמידים פון מגיד ממעזריטש, מענטשין וואס פירען זיך ניט בדרך התורה האבין אויף פאלשע עדות גיבראכט:

עס זענען געקומען צוויא מענטשין קיין ווילנא אונ האבען דעם גאון געזאגט אז זייא קומען הערשט פון מעזריטש. אונ האבען דארט שבת גיהאלטען, אונ פרייטיג צו נאכט האבען דארטין גיטאנצט מאנספארשוינען אונ איין אשה איז גישטאנען נעבין די טיער. אונ האט צו גיזעהן וויא זייא טאנצין. איז דאס גיוועזן איין עבירה ביא דעם ווילנער גאון ז"ל:

דער אמת איז אבער אזויא גיוועזן דער רב פון בארדיטשעוו ז"ל האט דארט גידאוונט מיט נאך רבנים אונ זיין סדר איז גיוועזן ביא דעם דאווינען צו טאנצין אונ צו שפרינגען. אונ דיא אשה בת קדושים מרת אדעל האט זייער ליב גיהאט צוא זעהן וויא זייא זענען מתפלל מיט גרויס התלהבות. איז זיא געשטאנען נעבין דיא טיער:

נוא דיא מלשינים האבען עס ניט פארשטאנען, אונ האבען עס ביא דעם גאון מלשין גיוועזן אונ נאך מער ליגען געזאגט, אזוי לאנג ביז דער גאון האט געמיינט אז זייא זענען פון רעכטין וועג אראפ. אונ אפ גיקערט פון דרך התורה האט ער אויף זייא שלעכטעס געשריבען אזוי וויא עס געפינט זיך אין ספר מצרף העבודה:

אין דיא צייט איז נאך גיוועזן ר' לוי יצחק מבארדיטשעוו ז"ל רב אין פינסק. וויא ער איז געפארין קיין מעזריטש האט זיך דיא מחלוקה נאך מער פארגרעסערט, ביז מען האט ר' לוי יצחק'ן ארויס געיאגט פון פינסק. ער איז פריער נתקבל געווארען לק"ק זעלחאוו. אונ דער נאך קיין בארדיטשעוו. אונד אין פינסק האט מען אויף גענומען פאר אב דעם ר' אביגדור:

דער נאך וויא דער הייליגער מגיד פון מעזריטש איז נפטר געווארען, האט ער צו זיך צו געצויגען דיא הערצער לתורה ולתפלה. אונ האט גיענדערט דעם נוסח התפלה. עס האט דעם גאון'ס מענטשין זייער פארדראסין. דיא מחלוקה האט זיך דערשט גישטארקט. דער שטן האט זיך אויך צווישן גילייגט:

עס איז געקומען עטליכע שאלות וועגין אדין. אזוא האט זייא דער גאון פון בארדיטשעוו כשר געמאכט, אונ דער ר' אביגדור פינקקער רב האט זייא טרפה געמאכט. אונ האט זיינע רייד געשריבען צום גאון מווילנא ז"ל ער האט אבער ניט נאטירליך דיא שאלה געשריבען, כדי ער זאל זיך גירעכט מאכין. ביז דער גאון האט מסכים גיוועזין צו זיינע רייד:

דעמאלט האט ר' אביגדור אוים גישריגען אויף דיא חסידים אז זייא עסין טרפות. אונ דיא חסידים וואס זענען אין פינקס בפרט ה"ר שלמה מקארלין אונ זיין תלמיד ר' אשר מסטאלין. אונ זייערע מענטשין, זייא האבען דעם ר' אביגדורין זייער מבזה גוועזן. וייל ער רעט אזעלכע ווערטער אויף גאטס פאלק. אזוא האט זיך ר' אביגדור נוקם גיוועזן אונ דאדורך האט גישפראצט דאס גאנצע שלעכטס וואס עס האט ר' שניאור זלמן געטראפין:

## יעצט וועלין מיר בעשרייבין פון דיא פטירה פון רבינו הגאון הקדוש הרמ"א זצ"ל.

אין דעם יאהר פינעף מויזינד דרייא הונדערט אכט אונ דרייסיג ביום ל"ג בעומר. וויא ער איז אלט געווארין דרייא אונ דרייסיג יאהר, איז זיין הייליגע נשמה ארוים גיגאנגען פון גוף, זענען געקומען צוא זאמען אלע מענטשין פון דיא גאנצע שטאדט, אונ פון דיא קליינע שטעדטליך באקלאגען דעם רב, אונ מען זאל הערין דעם הספד. אונ מען האט אוים גערעכינט זיינע מעלות אז ער האט גילעבט דרייא אונ דרייסיג יאהר, אונ ער האט מחבר גוועזן דרייא אונ דרייסיג ספרים זייא האבען אן געהויבען רעכענען זיינע גרויסע מעלות איז גיוועזן נאר איין אונ דרייסיג, האט איינער זיך דערמאנט אז אלע פורים נאך דער סעודה בייא נאכט האט דער רב זיך אן געטוהן דיא קליידער פון איין ארוכאן אונ איז געגאנגען אין אלע שטובין, אונ גיבעטין מען זאל אים געבין וואסער צו וואשין דיא הענד. ער האט נאך נישט גידאווינט ווארום ער האט מורא גיהאט דענסמאלט איז דער עולם שיכור זייא זאלען ניט פארגעסין דאווינען דרום האט ער דערמאנט דאווינען, איז געווען צווייא אונ דרייסיג שבחים. האבען דיא חכמים צער גיהאט פאר וואס זייא האבען נאך ניט געוואוסט דיא דרייא אונ דרייסיגסטע מעלה. האבען דיא חכמים געלאזט אוים רופען אז ווער עס ווייסט נאר אגרויסע זאך אודער איין ווינדער פון רב זאל דער ציילין זענען געקומען חכמים אונ האבען געזאגט דיא צייט וואס דער רב האט גילעבט, האבען מיר ניט געטארט זאגין וייל ער האט ניט גיהייסען אונז זאגין. נאר יעצט לכבוד דעם רב אונ החכמים וואס האבען געהאט צער. וועלין מיר דערציילין וואס מיר האבין גיזעהן:

דענסמאלט ווען פיל מענטשין זענין געשטארבען אין קראקע מחמת דיא קראנקייטין האט זיך רבינו מצער גיוועזן. איין טאג האט רבינו געזאגט אז מען זאל ניט קובר זיין דיא געשטארבענע נאר מען זאל זייא לייגין אין פאליש פון בהמ"ד, פארנאכט איז רבינו געקומען אונ האט זיך געהייסען וייזען יעדען געשטארבענעם האט ער זייא

געהייסען

גערייסען קובר זיין ביא נאכט, נאר אמענטש וואס איז געוועזן ביא זיין לעבן אמלמד האט ער איהם געהייסען לאזין ליגן ביז מארגין. אונ האט גיהייסען אז מען זאל איהם צו בינדען ביא דיא עקן פון דיא פערד אונ מען זאל איהם ארום שלעפן אין אלע גאסען האט מען אזוי געטוהן, דער נאך האט דער רב גיהייסען אז מען זאל דעם געשטארבענעם געבן אטייערין קבר אונ מען זאל איהם גרויס כבוד אנטוען ביז זיין קבורה, דער נאך איז גיווארען אין שטאדט שטיל פון דעם שטארבען. אלע מענטשין פון שטאדט האבען געזאגט אז זייא גידענקען ניט דיא מעשה. האבען ווייטער דיא חכמים דער ציילט וואס דער רב האט זייא מגלה גיוועזן. אז דער וואס דער רבי האט איהם געהייסען ארום שלעפין איז געקומען ביא נאכט צום רב אונ האט איהם גפרעגט פאר וואס האט איר געהייסען אזעלכע זאכען טוען, מען האט אויף דעם הימעל נאך געזוכט נאך מיינע מעשים, האט מען אויף מיר ניט געפונען קיין עבירות, אונ מען האט מיר געזאגט אז מען וואלט מיך אריין געלאזט אין גן עדן נאר ווייל דער רבי האט מיר גיהייסין אזעלכע חפות אן טוען קען מען מיך ניט אריין לאזין אין גן עדן ביז איך זאל דעם רבין פרעגין דעם טעם דער פון, האט אים רבינו גיענטפערט איך האב דיר גיהייסען חרפות אן טוען כדי מכפר צו זיין אויף דיא גאנצע שטאדט וואָרום אין דיא אלע גישטארבענע האב איך ניט געפונען אזוי אצדיק וויא דוא, אויך כדי דוא זאלסט קומען דער ציילין מיר דיא זינד פון שטאדט, אויף וואס זייא ווערן געשטראפט, האט דער געשטארבענער גיענטפערט דעם רבי, אויב איר ווילט וויסען קומט מיט מיר וועל איך אייך ווייזין דיא זינד וואס ווערין געטוען אין שטאדט, דענסטמאלט הט דר רבי אונז גערופען אז מיר זאלין אויך מיט גיין, זענין מיר גיגאנגען מיט דעם רבין ביז אונטער דיא שטאדט, האבע' מיר געטראפען פון שטאדט ווייבער מזנה זיין וואס האבן מאנען, האט דער רבי אקוק גיגעבין זענען זייא געשטארבען. דריבער איז שטיל גווארען פון שטארבען, זענין דיא מענטשין געבליבען שטיין פארווינדערט. האבען דיא חכמים געזאגט יעצט איז פר ענטפערט דאס וואס דיא מענטשין האבען זיך פארווינדערט, וואס דער רבי האט מתיר גיוועזן אעגונה וואס איר מאן איז פון איר אוועק אהאלב יאהר וואָרום זיא איז דאס גיוועזן דאס ווייב פון בעל עבירה, האבען דיא מענטשין גידענקט דיא געשיכטע אונ געזאגט דיא געשיכטע:

מעשה, הרב רבי גרשון קיטבער איז אמאל גיזעסין מיט הרב ר' הירש מקרעמניץ האט רבי הירש גיפרעגט רבי גרשון איך האב גיהערט דער ציילען אויף אייך אז איר זענט געגאנגען זיך מובלן אין ים בשעת דיא שיף איז געגאנגען וויא טאר מען זיך איין שטעלן במקום סכנה עס שטייט דאך מען טאר זיך ניט סומך זיין אויף נס האט ר' גרשון גיענטפערט דיא מעשה איז אזוי גיוועזן איך האב געזעהן מען האט בן גיוועזן אויף דעם הימעל דיא שיף זאל דער טרונקען ווערן האב איך אין זין געהאט צו גיין מובלן זיך כדי איך זאל מבטל זיין דיא גזירה דער ווייל האט זיך מזמן גוועזן אז מען איז צו געפארן מיט דער שיף צו אקענפע אונ האבען זיך מיט דער שיף גישטעלט אונ אלע לייט זענען ארום געגאנגען פון דער שיף אויף דער קענפע שפאצירן דער ווייל האב איך מיישב גיוועזן הייגט איז צייט צו גיין טובלן זיך האב איך מיך אויס געטאן אונ האב געלייגט דאס אן טוען אוף דעם ברעט פון דער שיף אונ בין אריין געשפרונגען אין ים טובלן זיך אונ האב מיך פאר זאמט אין וואסר דער ווייל האבן דיא לייט געריידט מיט דער שיף אונ זענען צוועק געפארן אז איך בין ארום געגאנגן פון דעם ים אונ האב דער זעהן אז דיא שיף איז אוועק געפארן האב איך געטראכט וואס וועל איך טאן נאקעטערהייט

איך

אִיךְ וֶועל נִיט קֶענֶן קַיין וָוארְט רֵייךְן פַאר גָאט וָוארוּם אִיךְ בִּין נַאקִיט אוּנ עֶסֶן טְרִינְקֶן הָאבּ אִיךְ נִיט הָאבּ אִיךְ מִיךְ מְיַישֵׁב גִיוֶועןְ אִיךְ וֶועל נָאךְ שְׁווִימֶען וָוארוּם אִיךְ הָאבּ אַמָאל גִיזֶעהֶן אַיְהוּדִי טְרֶענְקְט זִיךְ אִין אַטַייךְ אוּנ אִיז וַוייט גִיוֶועןְ פוּן מִיר אַהַאלְבֶּע מַייל בִּין אִיךְ צוּ גֶעשְׁוְוימֶען אוּנ הָאבּ מַצִיל גִיוֶועןְ דֶעם יְהוּדִי הָאבּ אִיךְ נָאךְ גֶעשְׁווִימֶען דִיא שִׁיף הָאבּ אִיךְ דִיא שִׁיף אָן גֶיאָגְט נִישְׁטמֶער כַּחֲמַת דִי שִׁיף אִיז גִיוֶועןְ אוּיס גֶעשְׁמִירְט פוּן דְרָאכִין מִיט כְּמָאלֶע דָאס וַואסֶר זָאל נִיט אַרֵיין גֵיין בַּחֲמַת דֶעם אִיז זִיא גִיוֶועןְ גְלַאט הָאבּ אִיךְ גֶענְרַאבּוּלְט מִיט דִיא הֶענְט אוּנ הָאבּ מִיךְ נִיט גִיקָאנְט אָן הַאפֶּן דֶער וַוייל אִיז דִיא שִׁיף וַוייטֶער אַוֶועק גֶעפָארְן בִּין אִיךְ נָאךְ גֶעשְׁווִיבֶן מִיט גָאר דֶעם גַאנְצֶן כֹּחַ אוּנ הָאבּ אָן גֶענוּמֶען אַפּוּל מוֹל כִיט וואסֶר אִיךְ הָאבּ נִיט גִיקֶענְט קַיין שׁוּם וָוארְט אַרוּיס רֵיידְן אֲפִילוּ ווִידוּי הָאבּ אִיךְ נִיט גִיקָאנְט זָאגִין דֶער וַוייל אִיז אַטֶערְק אַרוּס גֶעגַאנְגֶען פוּן דִיא שִׁיף אוּנ הַיְנט מִיךְ מַצִיל גִיוֶועןְ הָאבּ אִיךְ מִיךְ גֶעלֵייגְט אוֹיף דִיא בְּרֶעגֶעס פוּן דֶער שִׁיף אוּנ אִיךְ בִּין גִילֶעגֶן לֶערֶךְ פוּן צְווייא שָׁעָה אוּנ הָאבּ זֵייעֶר גֶעמִיקֶעט בַּחֲמַת דֶעם וַואסֶער וָואס אִיךְ הָאבּ אָן גִינוּמֶען אִין מוֹיל דֶער נָאךְ בִּין אִיךְ צוּ זִיךְ גֶעקוּמֶען אוּנ הָאבּ גֶעזוּכְט דֶעם טֶערְק אִיךְ הָאבּ אִיהם גֶעוָואלְט בַּאצָאלֶן פַאר דֶער טוֹבָה וָואס עֶר הָאט מִיר גֶעטָאן אִיךְ הָאבּ גֶעזוּכְט אִין דֶער שִׁיף אִיז נִיט גִיוֶועןְ קַיין שׁוּם טֶערְק הָאבּ אִיךְ מֵיר מְשַׁעֵר גִיוֶועןְ אַז עֶס הָאט גֶעמוּזְט זַיין אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא׃

ענדע